# סֵפֶר
# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא

תשפ"ד

324

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

**נדפס ע"י**

**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

**עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י**
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

**קול ברסלב**
**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

זוּכְן אַ שִׁידוּךְ דַוְקָא נָאר וָואס וֶועט בְּלַייבְּן לֶערְנֶען אִין כּוֹלֵל נָאךְ דִי חֲתוּנָה?..........א

וִוי אַזוֹי זָאגְט מֶען דֶעם הַדְרָן, וֶוען מֶען עֶנְדִיגְט אַ מַסֶכְתָּא צְוֵויי מָאל?....................ג

מֶעג אִיךְ פָאהְרְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וֶוען יֶעצְט אִיז דָארְט אַ מַצָב מִלְחָמָה?....................ד

וִוי אַזוֹי וָואלְט אִיךְ גֶערֶעדְט צוּ מַיינֶע עֶלְטֶערְן, אָן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן?....................ה

וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין חַבֶר'טֶע הָאט זִיךְ גֶעקוֹיפְט אַ סְמַארְטְפָאוֹן?............................ז

זָאל אִיךְ מַאכְן אַ גְרוֹיסֶע סִיוּם בַּיים עֶנְדִיגְן דִי פֶערְטֶע מָאל שַׁ"ס?...........................ח

וִוי אַזוֹי קֶען זַיין בָּחוּרִים וָואס לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּן זֶענֶען שְׁוַואךְ אִין אֱמוּנָה?.............ט

אַלְס סַאטְמַארֶער חָסִיד, מֶעג מֶען לֶערְנֶען דֶעם טֶעגְלִיכְן דַף גְמָרָא?.......................יב

זָאל מֶען רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן אֱמוּנָה אוֹיךְ בַּיים שְׁפִּילְן?............................יג

זָאל מֶען נִישְׁט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיבּ מֶען קֶען זִיךְ אַלֵיין אַן עֵצָה גֶעבְּן?.......טז

דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס אִיךְ טוּ, קוּמֶען אָן צוּ דִי סִטְרָא אַחֲרָא?............................יט

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

הֶעלְפְן דֶעם רֶבִּי'ן מִיט גֶעטְרֵיישַׁאפְט..........................................................א

רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיךְ אָן טְרֶערְן אוּן אָן גֶעפִיל.....................................ב

אַלֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס דֶער מַאן טוּט בְּטָהֳרָה, אִיז דִי פְרוֹי'ס זְכוּת.....................ג

פְּרוּבִּיר מִיט אַלֶע דַיינֶע כֹּחוֹת צוּ שְׁמֵייכְלֶען צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם..............................ג

רֶעד מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם נָאר דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, אוֹיךְ בַּיי דִי אַרְבֶּעט מִיט דִי גוֹיִם ..............ד

גֵיי אָן מִיט דַיינֶע גוּטֶע זַאכְן, אוּן פְּלוּצְלוּנְג וֶועט קוּמֶען דַיין יְשׁוּעָה..........................ד

אֲפִילוּ דֶער צַדִיק אַלֵיינְס קְרִיגְט אוֹיף אִים, גֵייט עֶר נִישְׁט אַוֶועק פוּנֶעם צַדִיק............ה

גוּטֶע חֲבֵרִים וָואס הָאבְּן תְּמִימוּת, וָואס שְׁפֶּעטְן נִישְׁט פוּן צַדִיקִים..........................ו

פַארְבְּרֶענְג אוּן שְׁפַּאצִיר מִיט דִי קִינְדֶער, וֶועלְן זֵיי דִיךְ אוֹיסְהֶערְן ..........................ז

אֶפְשַׁר ווִילְסְטוּ וֶוערְן אַ גַבַּאי צְדָקָה פַאר אוּנְזֶער מוֹסָד? ..............................ח

לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל ..........................ט

זַייט דוּ פוּצְט זִיךְ אוֹיס, הָאסְטוּ וֵוייניגֶער חֵן ..................................................י

וֶוען אוּן ווִיפִיל צוּ עֶפֶענֶען שַׁבָּת דִי מִקְוֶה אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ...........................י

עֶנְדֶערְשׁ בְּלַייבְּן אִין כִּתָּה בַּיים דַאוֶונֶען ..............................................יא

דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה אִיז צוּ בַּאצָאלְן דִי אַרְבֵּייטֶער אִין צַייט ...........................יב

גֶעבְּן אַ נָאמֶען נָאךְ דִי בַּאבֶּע..............................................................יב

דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן פְּרוֹיעֶן וָואס לָאזְן דֶעם מַאן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.............. יג

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## זוּכְן אַ שִׁידוּךְ דַוְקָא נָאר וָואס וֶועט בְּלַייבְּן לֶערְנֶען אִין כּוֹלֵל נָאךְ דִי חֲתוּנָּה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעוַואקְסְן אִין לִיטְווִישֶׁע מוֹסְדוֹת, וואוּ מֶען לֵייגְט אַ שְׁטַארְקֶער דָגוּשׁ אַז דֶער מַאן זָאל לֶערְנֶען אִין כּוֹלֵל, מִיט אַ שְׁאִיפָה צוּ בְּלַייבְּן בַּיים לֶערְנֶען אַ גַאנְץ לֶעבְּן.

אִיךְ הָאב פַארְשְׁטַאנֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט אוּן חֲשִׁיבוּת פוּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן אִיךְ הָאב בַּאשְׁלָאסְן אַז דָאס אִיז טַאקֶע אוֹיף וָואס אִיךְ גֵיי קוּקְן וֶוען אִיךְ וֶועל זוּכְן אַ שִׁידוּךְ, אִיךְ וֶועל זוּכְן אַ בָּחוּר וָואס פְּלַאנְט צוּ בְּלַייבְּן לֶערְנֶען אִין כּוֹלֵל.

וֶוען אִיךְ בִּין אָבֶּער גֶעוָוארְן מְקוּרָב צוּ בְּרֶסְלֶב, הָאב אִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז מֶען קֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה אוֹיךְ וֶוען מֶען גֵייט אַרוֹיס אַרְבֶּעטְן, אִיךְ הָאב גֶעהֶערְט בַּיי אַ שִׁיעוּר פוּן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַז הָרַב הַקָּדוֹשׁ מְסַאטְמֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט נִישְׁט גֶעהַאלְטְן אַז יֶעדֶער זָאל בְּלַייבְּן לֶערְנֶען אִין כּוֹלֵל, אוֹיךְ הָאב אִיךְ גֶעלֶערְנְט אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ אֲשֶׁר בַּנַּחַל אַז אוֹיךְ מוֹהֲרַ"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַאר אִינְגֶעלַייט אַז זֵיי זָאלְן גֵיין אַרְבֶּעטְן גְלַייךְ נָאךְ דִי חֲתוּנָּה.

יֶעצְט בִּין אִיךְ שׁוֹין צֶעמִישְׁט צְווִישְׁן דִי צְוֵויי זַייטְן, אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעוַואקְסְן מִיט דֶעם אַז דֶער עִיקָר אִיז תּוֹרָה אוּן דֶער מַאן דַארְף בְּלַייבְּן אִין כּוֹלֵל, אוּן עֶס אִיז מִיר מָאדְנֶע צוּ טְרַאכְטְן אַנְדֶערְשׁ, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט בִּין אִיךְ מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּ חֲסִידִישְׁ'קֵייט וואוּ עֶס אִיז מֶער אָנְגֶענוּמֶען אַז דֶער מַאן גֵייט אַרְבֶּעטְן נָאךְ דִי חֲתוּנָּה אוּן דִי פְרוֹי בְּלַייבְּט אִינְדֶערְהֵיים פַארְנוּמֶען מִיט דִי קִינְדֶער.

יֶעצְט וֶוען אִיךְ שְׁטֵיי אִין שִׁידוּכִים, דַארְף אִיךְ בַּאשְׁלִיסְן וֶועלְכֶע סָארְט שִׁידוּךְ צוּ הֶערְן, מֶעג אִיךְ קוּקְן נָאר אוֹיף שִׁידוּכִים וָואס מֶען טְרָאגְט אָן פוּן בָּחוּרִים וָואס פְּלַאנֶען צוּ בְּלַייבְּן לֶערְנֶען אִין כּוֹלֵל, אָדֶער אִיז דֶער עִיקָר צוּ קוּקְן אוֹיף מִידּוֹת טוֹבוֹת אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם?

אִיךְ וֶועל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר דָאס קֶענֶען עֶנְטְפֶערְן, וַוייל אִיךְ בִּין זֵייעֶר נֶערְוֶועז פוּן דֶעם אוּן עֶס אִיז מִיר וִויכְטִיג זִיךְ אוֹיסְצוּקְלָארְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - ב' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ"ג מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן**

**... תְּחִיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

וֶוען מֶען גֵייט צוּ אַ שִׁידוּךְ דַארְף מֶען קוּקְן אוֹיף צְוֵויי זַאכְן, אוֹיף דִי מִידּוֹת פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אוּן אוֹיף דִי יִרְאַת שָׁמַיִם; אוֹיבּ אִיז דָא גוּטֶע מִידּוֹת אִינְאֵיינֶעם מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם - אִיז כְּדַאי צוּ עֶנְדִיגְן דִי שִׁידוּךְ, דָאס אִיז דֶער עִיקָר אוֹיף וָואס מֶען דַארְף קוּקְן. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (קֹהֶלֶת יב, יג): "אֶת הָאֱלֹקִים יְרָא וְאֶת מִצְוֹתָיו שְׁמוֹר, כִּי זֶה כָּל הָאָדָם", מוֹרָא הָאבְּן פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן טוּן דִי מִצְוֹת - דָאס אִיז דֶער עִיקָר, דָאס אִיז דֶער גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ.

בְּנוֹגֵעַ לֶערְנֶען נָאךְ דִי חֲתוּנָה; דָאס קֶען מֶען נִישְׁט וִויסְן, אַזוֹיפִיל מָאל שְׁטֶעלְט זִיךְ אַרוֹיס אַז מֶען הוֹיבְּט אָן לֶערְנֶען נָאךְ דִי חֲתוּנָה, אוּן אַמָאל דֶער וֶועם מֶען מֵיינְט אַז עֶר גֵייט בְּלַייבְּן לֶערְנֶען - שְׁטֶעלְט זִיךְ אַרוֹיס אַז נִישְׁט.

אוֹיךְ אִיז וִויכְטִיג מֶען זָאל זִיךְ אִינְטֶערֶעסִירְן אוֹיבּ דֶער בָּחוּר הָאט אַ מוֹרֶה דֶרֶךְ, אוֹיבּ עֶר אִיז זִיךְ מַכְנִיעַ פַאר אַן עֶרְלִיכֶער רָב, עֶר פְרֶעגְט זַיינֶע שְׁאֵלוֹת אוּן עֶר פָּאלְגְט.

דֶער עִיקָר זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַייעֶר שִׁידוּךְ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת אוֹת רַחְמָנוּת, סִימָן יא): "עַל יְדֵי בַּקָּשַׁת רַחֲמִים, זוֹכֶה לַעֲשׂוֹת שִׁידוּכִים טוֹבִים וְהַגּוּנִים", דוּרְךְ תְּפִלָּה אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ טוּן גוּטֶע שִׁידוּכִים; נִישְׁטָא נָאךְ עֶפֶּעס וָואס מֶען קֶען טוּן אוֹיסֶער תְּפִלָּה, תְּפִלָּה אִיז דִי

עֵצָה פַאר אַ בָּחוּר אוּן מֵיידְל וָואס וַוארְטְן אוֹיף זֵייעֶר שִׁידוּךְ, בֶּעטְן דִי פָּאר וֶוערְטֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל טְרֶעפְן מַיין רִיכְטִיגֶע שִׁידוּךְ שְׁנֶעל אוּן גְרִינְג״; נָאר מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען פּוֹעֶל׳ן אַ שִׁידוּךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### וִוי אַזוֹי זָאגְט מֶען דֶעם הַדְרָן, וֶוען מֶען עֶנְדִיגְט אַ מַסֶכְתָּא צְוֵויי מָאל?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ מֶען עֶנְדִיגְט אַ מַסֶכְתָּא צְוֵויי מָאל אוֹיפְאַמָאל, לְמָשָׁל אַז אִיךְ לֶערְן יֶעדֶע בְּלַאט צְוֵויי מָאל, אוֹיבּ דַארְף מֶען זָאגְן צְוֵויי מָאל "הַדְרָן עֲלָךְ"?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ״ח מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

ווּאוִיל אִיז דִיר אַז דוּ לֶערְנְסְט פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא, אוּן דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְסַיֵּים זַיין דִי מַסֶכְתָּא.

מוֹהֲרָא״שׁ בְּרֶענְגְט פוּן פְרִיעֶרְדִיגֶע אַז ״מַסֶכֶת״ אִיז דִי אוֹתִיּוֹת: ״כַּ״ת ס״מ״ [כַּת סַמֶ״ךְ מֶ״ם], מִיטְן לֶערְנֶען גְמָרָא אוּן מַאכְן אַ סִיּוּם אוֹיף אַ מַסֶכְתָּא אִיז מֶען מַכְנִיעַ זַיין כֹּחַ; וַוייל דִי סִטְרָא אַחֲרָא אוּן דִי קְלִיפּוֹת וֶוערְן אוֹיס דוּרְךְ לִימוּד הַתּוֹרָה, בִּפְרַט לִימוּד גְמָרָא. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן ריד): ״תַּלְמוּד בְּגִימַטְרִיָּא אוֹתִיּוֹת שֶׁל שְׁמָהּ ׳לִילִית׳״, תַּלְמוּד בַּאטְרֶעפְט אַזוֹי וִוי דִי קְלִיפָּה וָואס וַוארְפְט אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן, תַּלְמוּ״ד בַּאטְרֶעפְט פִיר הוּנְדֶערְט אַכְצִיג אוּן דִי

קְלִיפָּה לִילִי"ת בַּאטְרֶעפְט אוֹיךְ פִיר הוּנְדֶערְט אַכְצִיג, "עַל כֵּן יֵשׁ כֹּחַ בְּלִמּוּד הַתַּלְמוּד לְהַכְנִיעַ אוֹתָהּ", אַז מֶען לֶערְנְט גְּמָרָא אִיז מֶען מַכְנִיעַ דִי קְלִיפָּה.

מֶען קֶען זָאגְן "הַדְרָן עֲלָךְ מַסֶּכֶת ... ב' פְּעָמִים", אָדֶער קֶען מֶען צְוֵויי מָאל מְסַיֵּים זַיין דִי מַסֶּכְתָּא אוּן בַּאזוּנְדֶער זָאגְן דִי תְּפִלָּה פוּן הַדְרָן עֲלָךְ, אוּן אַזוֹי אוֹיסְרַייסְן דִי טוּמְאָה וָואס וויל נִישְׁט מֶען זָאל מַאכְן אַ סִיוּם, אַזוֹי וִוי עֶס אִיז מְרוּמָּז אִין זַיין טָמֵא'נֶע נָאמֶען: סִ'יוּם מַ'סֶּכֶת אֵ'ין לַ'עֲשׂוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### מֶעג אִיךְ פָאהְרְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וֶוען יֶעצְט אִיז דָארְט אַ מַצָּב מִלְחָמָה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מִיר וואוֹינֶען אִין אֵייְרָאפֶּע, אוּן מִיר הָאבְן אַ נָאנְטֶע מִשְׁפָּחָה חֲתוּנָה אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִין בְּעֶרֶךְ צְוֵויי חֳדָשִׁים אַרוּם, אָבֶער אַזוֹי וִוי דֶער מַצָּב אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז דֶערְוַוייל נִישְׁט זִיכֶער, עֶס אִיז אַ מַצָּב מִלְחָמָה, הָאב אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיב מֶען מֶעג הַלָכָה'דִיג אַהִינְפָארְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ט מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

קֶענְסְט פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

וואוּ אִיז דֶען נִישְׁט קַיין סַכָּנָה? אִיבֶּערָאל דַארְף מֶען רַחֲמֵי שָׁמַיִם; אִין חוּץ לָאָרֶץ אִיז מֶען גָארְנִישְׁט פַארְזִיכֶערְט, אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען אַזוֹי וִוי אַ שֶׁעפֶּעלֶע צְוִוישְׁן זִיבֶּעצִיג פַארְצִיקֶנְדֶע וֶועלְף, וָואס בְּדֶרֶךְ נֵס בְּלַייבְּט דִי שֶׁעפֶּעלֶע גַאנְץ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט אוּנְז. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה

דֶערְצֵיילְן (תַּנְחוּמָא תּוֹלְדוֹת, סִימָן ה) אַדְרִיָאנוּס הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ: "גְּדוֹלָה הַכִּבְשָׂה הָעוֹמֶדֶת בֵּין שִׁבְעִים זְאֵבִים", דִי שֶׁעפְּסֶעלֶע וָואס שְׁטֵייט צְווִישְׁן דִי זִיבֶּעצִיג וֶועלְף אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס אוּן שְׁטַארְק; עֶר הָאט גֶעוָואלְט אוֹיסְלוֹיבְּן דִי אִידְן אַז אִידְן מוּזְן זַיין זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶע פָאלְק, אַז מִיט דֶעם וָואס אַלֶע פֶעלְקֶער ווִילְן אִיר אוֹיסְרַייסְן, אַזוֹי ווִי וֶועלְף וָואס ווִילְן פַארְצִיקְן אַ שֶׁעפֶּעלֶע - אִיז דִי שֶׁעפֶּעלֶע נָאכְאַלְץ דָא, "אָמַר לוֹ", הָאט רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ אִים גֶעזָאגְט: עֶס הָאט נִישְׁט צוּטוּן מִיט אוּנְזֶער שְׁטַארְקְקֵייט, "גָּדוֹל הוּא הָרוֹעֶה שֶׁמַּצִּילָהּ וְשׁוֹמְרָהּ וְשׁוֹבְרָן לִפְנֵיהֶ", דֶער פַּאסְטוּךְ אִיז אַ שְׁטַארְקֶער, דֶער פַּאסְטוּךְ הִיט אִיר; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט דִי אִידִישֶׁע פָאלְק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### ווִי אַזוֹי וָואלְט אִיךְ גֶערֶעדְט צוּ מַיינֶע עֶלְטֶערְן, אָן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזוּק וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּן דִי שִׁיעוּרִים אוּן בְּרִיוו, אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן ווִי אַזוֹי אִיךְ וָואלְט אוֹיסְגֶעזֶען אָן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, אִיךְ זֶע אַסַאךְ מָאל ווִי אַזוֹי אַנְדֶערֶע קִינְדֶער רֶעדְן צוּ זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, אַזוֹי נִישְׁט מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, אוּן אִיךְ טְרַאכְט צוּ זִיךְ אַז אִיךְ וָואלְט מִסְתָּמָא אוֹיךְ אַזוֹי גֶערֶעדְט צוּ מַיינֶע עֶלְטֶערְן, וֶוען אִיךְ וָואלְט נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי שִׁיעוּרִים. נָאר פַאר דֶעם אַלֵיין הָאט זִיךְ גֶעלוֹינְט אָנְצוּקוּמֶען צוּ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, אַז אַנְשְׁטָאט זִיךְ צוּ טַעְנָה'ן אוּן זִיךְ קְרִיגְן מִיט דִי עֶלְטֶערְן, קֶען מֶען גֵיין אִין אַ ווִינְקְל אוּן זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן.

אִיךְ הָאבּ הַיינְט בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶעעֶנְדִיגְט סֵפֶר תְּהִלִּים; שׁוֹין אִיבֶּער הוּנְדֶערְט פוּפְצִיג מָאל גֶעעֶנְדִיגְט תְּהִלִּים.

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ט מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן ... תְּחִי׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס אִיז מַמָּשׁ אַזוֹי, זַייט מֶען הֶערְט דִי קוֹל פוּן צַדִּיק, מֶען וֶוערְט מְקוּרָב צוּם צַדִּיק - הוֹיבְּט מֶען אָן זִיךְ פִירְן מִיט גְרוֹיס דֶּרֶךְ אֶרֶץ. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט: "וֶוען קֵיסָרִין אוּן קֶענִיגְן וָואלְטְן גֶעוְוּיסְט וָואס פַאר אַ דֶּרֶךְ אֶרֶץ אִיךְ לֶערְן מִיט מַיינֶע לַייט, וָואלְטְן זֵיי גֶעשִׁיקְט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער צוּ מִיר אִיךְ זָאל זֵיי לֶערְנֶען דֶּרֶךְ אֶרֶץ"; בַּיים רֶבִּי׳ן אִיז גֶעוֶוען דֶּרֶךְ אֶרֶץ דֶער עִיקָר, דֶּרֶךְ אֶרֶץ פַאר עֶלְטֶערְן אוּן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם.

זַייט מַמְשִׁיךְ מִיט זָאגְן תְּהִלִּים. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן עג): "מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה, יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה וְכוּ׳", וֶוער עֶס וִויל זוֹכֶה זַיין תְּשׁוּבָה צוּ טוּן זָאל זָאגְן תְּהִלִּים. יֶעדֶער אִיד וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן טוּן דֶעם וִוילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער נִישְׁט יֶעדֶער אִיז זוֹכֶה אוֹיסְצוּפִירְן זַיין וִוילְן אוֹיף לְמַעֲשֶׂה, וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט קַיין הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, אוּן אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט שׁוֹין יָא אַ הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, וֵוייסְט עֶר נִישְׁט וִוי אַזוֹי מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, עֶר טְרַאכְט צוּ זִיךְ: ׳וָואס דַארְף אִיךְ טוּן אִיךְ זָאל וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד?׳ אוּן אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט שׁוֹין יָא אַ הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן עֶר וֵוייסְט וָואס עֶר הָאט צוּ טוּן כְּדֵי צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד - דַארְף עֶר נָאךְ אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין נִישְׁט צוּ וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען עֶר דֶערְזֶעט זִיךְ אַז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער דִי צַייט אוּן עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן וואו עֶר לִיגְט וְכוּ׳; פִירְט דֶער רֶבִּי אוֹיס: "וְעַל יְדֵי אֲמִירַת תְּהִלִּים, אֲפִילוּ מִי שֶׁאֵין לוֹ שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת לִתְשׁוּבָה, הוּא מִתְעוֹרֵר לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה", אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר זָאגְט תְּהִלִּים, אֲפִילוּ מֶען הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת, וֶוערְט מֶען אָבֶּער נִתְעוֹרֵר תְּשׁוּבָה צוּ טוּן דוּרְךְ דֶעם, "וְגַם זוֹכֶה עַל יְדֵי תְּהִלִּים לְהַגִּיעַ אֶל הַשַּׁעַר וְאוֹת הַשַּׁיָּךְ לוֹ, וְלִפְתֹּחַ הַשַּׁעַר; נִמְצָא שֶׁזּוֹכֶה עַל יְדֵי תְּהִלִּים לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה", אוּן מֶען בַּאקוּמְט דִי נוֹיטִיגֶע שְׁטַארְקְקֵייט

זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין חַבֶר'טֶע הָאט זִיךְ גֶעקוֹיפְט אַ סְמַארְטְפָאוֹן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים, עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר מְחַזֵק.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וָואס צוּ טוּן אַז מַיין חַבֶר'טֶע הָאט זִיךְ גֶעקוֹיפְט אַ סְמַארְטְפָאוֹן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ט מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

גֶעבְּט זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג אִיר זָאלְט נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ הָאבְּן אַ טֶעלֶעפָאן וָואס מֶען קֶען זֶען עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן. אִיר דַארְפְט נִישְׁט אָפְּהַאקְן דִי פְרַיינְדְשַׁאפְט, מֶען קֶען וַוייטֶער בְּלַייבְּן פְרֵיינְד אָבֶּער נִישְׁט קוּקְן אִינֶעם טֶעלֶעפָאן קַיין שׁוּם זַאךְ, אֲפִילוּ נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן.

אַ רַחְמָנוּת אוֹיף אוּנְזֶער דוֹר, עֶס אִיז דָא אַזֶעלְכֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת; יוּנְגֶע קִינְדֶער פַאלְן אַרָאפּ נָאךְ אֵיידֶער זֵיי בַּאקוּמֶען דַעַת, יוּנְגֶערְהֵייט וֶוערְט מֶען צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם טֶעלֶעפָאן אוּן נָאכְדֶעם הָאט מֶען שׁוֹין נִישְׁט דִי אוֹיסְוַואל, מֶען קֶען שׁוֹין נִישְׁט אוֹיסְוֶועלְן צוּ זַיין גוּט, מֶען אִיז שׁוֹין צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ קוּקְן אוּן זִיךְ שְׁרַייבְּן נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הִיט מִיךְ פוּן שְׁלֶעכְטְס,

**גֶעבּ מִיר כֹּחַ צוּ קֶענֶען הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן אוּן מַיין מַחֲשָׁבָה, גֶעבּ מִיר כֹּחַ נִישְׁט צוּ וֶוערְן נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט נָאךְ נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן, הֶעלְף מִיךְ אוּן מַיינֶע דוֹרוֹת אַלֶע זָאלְן בְּלַייבְּן בַּיי דִי אֱמוּנָה".**

**נָאר מִיט תְּפִלָּה אוּן אַסַאךְ הִתְבּוֹדְדוּת קֶען מֶען בְּלַייבְּן עֶרְלִיךְ אוּן שְׁטַארְק.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**...**

**זָאל אִיךְ מַאכְן אַ גְרוֹיסֶע סִיוּם בַּיים עֶנְדִיגְן דִי פֶּערְטֶע מָאל שַׁ"ס?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן גַאנְץ שַׁ"ס, צוּם פֶּערְטְן מָאל.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וָואס אִיךְ זָאל מַאכְן פַאר דִי סִיוּם? זָאל אִיךְ מַאכְן עֶפֶּעס קְלֵיין בַּיי מִיר אִינְדֶערְהֵיים, אָדֶער אִיז יָא כְּדַאי צוּ מַאכְן עֶפֶּעס גְרֶעסֶער?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ט מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקֶךָ אַז דוּ לֶערְנְסְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דוּ לֶערְנְסְט גְּמָרָא, אוּן דוּ הַאלְסְט שׁוֹין בַּיי דִי פֶערְטֶע מָאל עֶנְדִיגְן גַאנְץ תַּלְמוּד בַּבְלִי.**

**מַאךְ אַ סִיוּם אִין שְׁטוּבּ מִיט דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, דָאס וֶועט אַריינְלֵייגְן אִין זֵיי אַ חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה. זֵיי וֶועלְן גֶעדֶענְקֶען זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן אַז לֶערְנֶען אִיז גוּט, לֶערְנֶען אִיז טֵייעֶר, זֵיי וֶועלְן אוֹיךְ לֶערְנֶען אוּן מַאכְן סִיוּמִים.**

**אוֹיךְ קֶענְסְטוּ רוּפְן דַיינֶע עֶלְטֶערְן, דָאס וֶועט זֵיי צוּגֶעבְּן גֶעזוּנְט. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט** (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן מב): **"בָּנִים הַטּוֹבִים, רְפוּאָה גְּדוֹלָה**

לְאָבוֹת", גוּטֶע קִינְדֶער מַאכְט גֶעזוּנְט דִי עֶלְטֶערְן; וֶוען עֶלְטֶערְן זֶעעֶן דִי קִינְדֶער לֶערְנֶען אוּן פִירְן זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם - דָאס גֶעבְּט זֵיי צוּ אַ שְׁטִיק גֶעזוּנְט, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע כִּיבּוּד אָב וָאֵם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווִי אַזוֹי קֶען זַיין בָּחוּרִים וָואס לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּן זֶענֶען שְׁוַואךְ אִין אֱמוּנָה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ אַ שְׁאֵלָה וָואס עֶגְבֶּערְט מִיךְ שׁוֹין אַ לַאנְגֶע צַייט. אִיךְ בִּין אַ מַשְׁגִּיחַ אִין גָאר אַ מְצוּיָנְ'דִיגֶע יְשִׁיבָה, מֶען קְלוֹיבְּט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק וֶוען מֶען נֶעמְט אַרַיין דִי בָּחוּרִים דָארְט, אוּן דִי בָּחוּרִים לֶערְנֶען בֶּאֱמֶת מִיט הַתְמָדָה. אָבֶּער אִיךְ הָאבּ בַּאמֶערְקְט, אִין דִי זַייטִיגֶע צַייטְן, וָואס דֶעמָאלְט אִיז מַיין עִיקָר צַייט וֶוען אִיךְ פַארְבְּרֶענְג אוּן אִיךְ בַּאקֶען זִיךְ מִיט זֵיי, אַז עֶס אִיז עֶפֶּעס נִישְׁט, עֶס אִיז לֵיידִיג פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן פוּן אֱמוּנָה, עֶס פֶעלְט אִין זֵיי אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה, מֶען רֶעדְט כְּסֵדֶר פוּן חֲקִירוֹת אוּן פַארְשִׁידֶענֶע קַשְׁיוֹת, פוּן דֶעם זֶע אִיךְ ווִי שְׁוַואךְ דִי אֱמוּנָה אִיז בַּיי זֵיי. אִיךְ בַּאמֶערְק עֶס בַּיים רֶעדְן אוּן בַּיים זִיךְ אוֹיפְפִירְן, בְּנוֹסָף לָזֶה הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַ גְרוֹיסֶע פְּרָאצֶענְט פוּן דִי בָּחוּרִים - וֶוען זֵיי גֵייעֶן אַרוֹיס אוּן הָאבְּן חֲתוּנָה - פַאלְן זֵייעֶר נִידְרִיג, אִיךְ טְרֶעף תַּלְמִידִים וָואס הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אִין אוּנְזֶער יְשִׁיבָה אָבֶּער זֵיי זֶענֶען אוֹיסְגֶעלָאשְׁן פוּן אֱמוּנָה אִין דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אֲפִילוּ בַּיי זַאכְן וָואס זֶענֶען חֲמוּרוֹת שֶׁבַּחֲמוּרוֹת.

אִין אָנְהוֹיבּ בִּין אִיךְ גֶעכַאפְּט גֶעוָוארְן אִין שָׁאק, אָבֶּער שְׁפֶּעטֶער הָאבּ אִיךְ עֶס גֶעזֶען מֶער אוּן מֶער, סַיי אִין יְשִׁיבָה אוּן סַיי בַּיים טְרֶעפְן דִי תַּלְמִידִים נָאךְ דִי חֲתוּנָה, עֶס הָאט מִיר אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר וֵויי טוּן, אוּן אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן טְרַאכְטְן פוּן וואוּ דָאס נֶעמְט זִיךְ אוּן וָואס מֶען קֶען טוּן דֶערְצוּ.

ווִי אַזוֹי קֶען דָאס זַיין אַז בָּחוּרִים וָואס זֶענֶען גוּטֶע בָּחוּרִים, זֵיי לֶערְנֶען תּוֹרָה, וָואס דָאס הָאט דָאךְ אַ כֹּחַ צוּ בְּרֶענְגֶען אַ מֶענְטְשׁ צוּ מַדְרֵיגוֹת, דִי תּוֹרָה אִיז דָאךְ דִי תַּבְלִין קֶעגְן

דֶעם יֵצֶר הָרָע ווי חֲזַ"ל זָאגְן, אָבֶּער אִיךְ זֶע נִישְׁט אַז עֶס זָאל צוּפִיל הֶעלְפְן פַאר דִי בָּחוּרִים? זֵיי הָארֶעוֶועט אוֹיף תּוֹרָה אוּן פַארְשְׁטֵייעֶן גוּט אַ שְׁטִיקל גְמָרָא מִיט רִאשׁוֹנִים אוּן אַחֲרוֹנִים, ווי אִיז מֶעגְלִיךְ אַז עֶס זָאל נִישְׁט הֶעלְפְן אַז זֵיי זָאלְן בְּלַייבְּן עֶרְלִיךְ? חֲזַ"ל זָאגְן דָאךְ הַמָּאוֹר שֶׁבָּהּ מַחֲזִירָן לְמוּטָב!

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ד לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

מֶען דַארְף אַסַאךְ רֶעדְן צוּ קִינְדֶער אוּן בָּחוּרִים פוּן אֱמוּנָה. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן: "וֶוען דוּ שְׁרַייבְּסְט חִידוּשֵׁי תּוֹרָה אוּן דוּ קוּמְסְט אָן צוּ שְׁרַייבְּן פוּן 'אֱמוּנָה' אָדֶער 'צַדִּיק' - זָאלְסְטוּ אוֹיסְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם פֶּענֶע"; דָאס הֵייסְט, עֶר זָאלְט שְׁרַייבְּן אַסַאךְ אִיבֶּער דֶעם נוֹשֵׂא. ווייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נְדָרִים מא.): "דְּדָא בֵּיהּ כּוּלָא בֵּיהּ, דְּלָא דָא בֵּיהּ מַה בֵּיהּ, דַּעַת קָנִיתָ מַה חָסַרְתָּ דַּעַת חָסַרְתָּ מַה קָנִיתָ", אוֹיבּ הָאט מֶען אֱמוּנָה - הָאט מֶען שׁוֹין אַלֶעס, אוּן אַז מֶען הָאט נִישְׁט קֵיין אֱמוּנָה - הָאט מֶען גָארְנִישְׁט.

מֶען דַארְף דֶערְצֵיילְן פַאר קִינְדֶער אוּן בָּחוּרִים מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים, דָאס בְּרֶענְגְט יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן אֱמוּנָה. עֶס אִיז בַּאוּוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם מְלַמֵּד פוּן זַיינֶע קִינְדֶער צִי עֶר לֶערְנְט מִיט זֵיי מוּסָר, וֶוען דֶער מְלַמֵּד הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר לֶערְנְט מִיט זֵיי חוֹבַת הַלְבָבוֹת אוּן נָאךְ - הָאט דֶער הֵיילִיגֶער דִּבְרֵי חַיִּים גֶעזָאגְט פַארְן מְלַמֵּד: "נִישְׁט דָאס מֵיין אִיךְ, אִיךְ וִויל אַז דוּ זָאלְסְט זֵיי דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ, פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן רֶבִּי זוּשָׁא זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ"; ווייל מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים פְלַאקֶערְט אוֹיף דָאס הַארְץ, בִּפְרַט קִינְדֶער - וֶוען זֵיי הֶערְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים - בְּרֶענְגְט עֶס אַרַיין אִין זֵיי אַ חֵשֶׁק אוּן אַ גְלִיסְטֶענִישׁ אוֹיףְ צוּ וֶוערְן זַיין עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג.

אַז דוּ הָאסְט הַשְׁפָּעָה אוֹיף בָּחוּרִים - זָאלְסְטוּ אַרַיינְלֵייגְן אִין זֵיי דִי מִצְוָה פוּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, דָאס בְּרֶענְגְט יִרְאַת שָׁמַיִם. לֶערְן אוֹיס דִי בָּחוּרִים זֵיי

זָאלְן דָאס טוּן דוּרְכאוֹיס דִי וָואךְ, פוּן זוּנְטָאג בִּיז עֶנְדֶע וָואךְ; זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, וַוייל אַז מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְ'ן תַּרְגוּם, בְּרֶענְגְט דָאס יִרְאַת שָׁמַיִם. אַזוֹי וִוי עֶס אִיז בַּאוְוּיסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מָרְדְּכַי'לֶע מְנַאדְבוּרְנָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַמָאל גֶעוֶועזְן אִין שְׁטָאט חוּסְט וואו דֶער הֵיילִיגֶער עֲרוּגַּת הַבֹּשֶׂם אִיז גֶעוֶועזְן רָב, דֶער עֲרוּגַּת הַבֹּשֶׂם זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעהַאט אַ יְשִׁיבָה פוּן עֶטְלִיכֶע הוּנְדֶערְט בָּחוּרִים אוּן דֶער צַדִּיק רֶבִּי מָרְדְּכַי'לֶע אִיז גֶעקוּמֶען בַּאזוּכְן דֶעם עֲרוּגַּת הַבֹּשֶׂם, דֶער עֲרוּגַּת הַבֹּשֶׂם הָאט אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל בַּאזוּכְן זַיין יְשִׁיבָה, עֶר זָאל זֶען וִוי פְלַייסִיג זֵיי לֶערְנֶען אוּן וִוי עֶרְלִיךְ זֵיי פִירְן זִיךְ אוֹיף. רֶבִּי מָרְדְּכַי'לֶע אִיז אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען אִין דִי יְשִׁיבָה זֶען דִי בָּחוּרִים, וֶוען עֶר אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען הָאט אִים דֶער עֲרוּגַּת הַבֹּשֶׂם גֶעפְרֶעגְט: "נוּ, וָואס זָאגְט אִיר אוֹיף מַיינֶע בָּחוּרִים?" הָאט אִים רֶבִּי מָרְדְּכַי'לֶע גֶעעֶנְטְפֶערְט: "זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין יִרְאַת שָׁמַיִם!" הֶערְנְדִיג דָאס אִיז דֶער עֲרוּגַּת הַבֹּשֶׂם גֶעוָוארְן זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן אוּן פַארְוואוּנְדֶערְט 'וִוי אַזוֹי קֶען זֵיי אַזַא זַאךְ?' אוּן עֶר פְרֶעגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי מָרְדְּכַי'לֶע: "רֶבִּי, פַארְוָואס זָאגְט אִיר אַזוֹי?!" הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וַוייל זֵיי לֶערְנֶען נִישְׁט קַיין חוּמָשׁ רַשִׁ"י!"

דֶער עֲרוּגַּת הַבֹּשֶׂם הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט אוֹיף דֶעם, הָאט עֶר נָאכְגֶעפַארְשְׁט בַּיי זַיינֶע תַּלְמִידִים אוֹיבּ זֵיי עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ חוּמָשׁ רַשִׁ"י אוּן זֵיי הָאבְּן אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז נִישְׁט, וַוייל דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע פַארְהֶער פְלֶעגְט פָארְקוּמֶען פְרַייטָאג צוּפְרִי אוּן עֶס אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶעקוּמֶען קַיין צַייט וֶוען צוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, הָאט שׁוֹין דֶער עֲרוּגַּת הַבֹּשֶׂם פַארְשְׁטַאנֶען אַז רֶבִּי מָרְדְּכַי'לֶע וֵוייסְט וָואס עֶר רֶעדְט, אוּן עֶר הָאט אַיינְגֶעפִירְט אִין זַיין יְשִׁיבָה אַז מֶען זָאל פַארְהֶערְן זוּנְטָאג אוּן מֶען זָאל יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ"י.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַלְס סַאטְמַארֶער חָסִיד, מֶעג מֶען לֶערְנֶען דֶעם טֶעגְלִיכְן דַף גְמָרָא?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הֶער אַסַאךְ דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אִיךְ הָאבּ עֶס זֵייעֶר לִיבּ אוּן עֶס גֶעבְּט מִיר אַסַאךְ חִיזּוּק אוּן הַדְרָכָה אִין לֶעבְּן; נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען בַּאצָאלְן פַאר דִי גֶעוואלְדִיגֶע זַאכְן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א טוּט.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז, אַזוֹי וִוי אִיךְ הֶער אַסַאךְ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְן אִיבֶּער דִי ווִיכְטִיגְקֵייט פוּן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דֶעם דַף גְמָרָא, אָבֶּער זַייעֶנְדִיג אַ סַאטְמַארֶער חָסִיד, אִיז דָאס נִישְׁט עֶפֶּעס וָואס דֶער סַאטְמַאר רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט נִישְׁט גֶעהַאלְטְן דֶערְפוּן?

אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר דָאס קֶענֶען אוֹיסְקְלָארְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ד לפ״ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

מוֹהֲרָא״שׁ אַלֵיין אִיז אַ סַאטְמֶערֶער תַּלְמִיד, מוֹהֲרָא״שׁ פְלֶעגְט זִיךְ בַּארוּמֶען אַז עֶר אִיז אַפָּאר דוֹרוֹת סַאטְמֶערֶע חֲסִידִים; מִיט דֶעם פְלֶעגְט מוֹהֲרָא״שׁ אוּנְז זֵייעֶר צוּרֶעדְן מִיר זָאלְן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא. מוֹהֲרָא״שׁ שְׁרַייבְּט אַז וֶוען מֶען הָאט דָאס פְּרָאקְלָאמִירְט זֶענֶען גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע צַדִיקִים וָואס הָאבְּן גֶעבֶּעטְן זֵייעֶרֶע תַּלְמִידִים זִיךְ נִישְׁט אָנְצוּשְׁלִיסְן מִיט דֶעם, אַז מֶען זָאל נִישְׁט הָאבְּן צוּטוּן מִיט דִי פַּארְטֵייעֶן, אָבֶּער כְּהַיּוֹם אִיז דָאס אַ זַאךְ וָואס הָאט נִישְׁט מִיט קַיין שׁוּם פַּארְטֵיי, דָאס אִיז אַ לִימוּד וָואס אַלֶע לֶערְנֶען.

אַז מֶען רֶעדְט שׁוֹין פוּנֶעם דַף גְמָרָא וָואס רֶבִּי מֵאִיר שַׁפִּירָא זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט בַּיי כְּלַל יִשְׂרָאֵל, צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אִינְאֵיינֶעם דֶעם זֶעלְבְּן בְּלַאט גְמָרָא - אִיז כְּדַאי צוּ דֶערְמַאנֶען וָואס מוֹהֲרָא״שׁ

דֶערְצֵיילְט, ווי אַזוֹי הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג תּוֹרָה, אִין וָואס פַאר אַ זְכוּת? מוֹהֲרָא"ש זָאגְט עֶר הָאט דָאס בַּאקוּמֶען אַ מַתָּנָה פוּן רֶבִּי'ן. וַוייל רֶבִּי מֵאִיר שַׁפִּירָא זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט זֵייעֶר מְקָרֵב זַיין אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, בְּרֶסְלֶב'עֶר חֲסִידִים. עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין דִי יָארְן וָואס מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט פָארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, הָאט עֶר אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן זַיין בִּנְיָן הַיְשִׁיבָה פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, דָארְט אִיז גֶעוֶוען דֶער קִיבּוּץ. בִּכְלַל דִי גַאנְצֶע גֶעדַאנְק פוּן לֶערְנֶען שְׁנֶעל אָן חֲזָרָה - דָאס הָאט עֶר גֶעהֶערְט פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, דֶעם רֶבִּינְ'ס סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד, פוּן לֶערְנֶען כְּסִדְרָן אָן חֲזָרָה (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו).

לֶערְן יֶעדְן טָאג גְמָרָא, אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט - זָאלְסְטוּ גוֹרֵס זַיין דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי גְמָרָא, עֶס וֶועט דִיר לִיכְטִיג וֶוערְן דַיין לֶעבְּן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין כד.) אוֹיפְן פָּסוּק (אֵיכָה ג, ו): "בְּמַחֲשַׁכִּים הוֹשִׁיבַנִי כְּמֵתֵי עוֹלָם, 'זֶה תַּלְמוּד בַּבְלִי'"; פְרֶעגְט מוֹהֲרָא"ש, ווי קֶען מֶען זָאגְן אוֹיף תַּלְמוּד בַּבְלִי, דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא - אַז דָאס אִיז אַ טוּנְקֶלְקֵייט, אַ טוֹיטְקֵייט? נָאר חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן פַארְן מֶענְטְשׁ וָואס זָאגְט: "עֶס אִיז מִיר טוּנְקֶל", "מַיין לֶעבְּן אִיז מִיר טוֹיט", עֶס אִיז דָא אַן עֵצָה פַאר דִיר, נֶעם דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא אוּן לֶערְן דָאס; "בְּמַחֲשַׁכִּים הוֹשִׁיבַנִי" - דֶער לֶעבְּן אִיז דִיר פִינְסְטֶער, "כְּמֵתֵי עוֹלָם" - דוּ שְׁפִּירְסְט ווי אַ טוֹיטֶער מֶענְטְשׁ, אִיז דָא פַאר דִיר אַן עֵצָה, "זֶה תַּלְמוּד בַּבְלִי" - נֶעם דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא, דָאס וֶועט דִיר מַאכְן לִיכְטִיג, דָאס וֶועט דִיךְ מַאכְן לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זָאל מֶען רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן אֱמוּנָה אוֹיךְ בַּיים שְׁפִּילְן?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

עֶס דְרֵייט זִיךְ אַרוּם אִין סַאטְמַאר אַ וָוארְט בְּשֵׁם הָרַב הַקָּדוֹשׁ מִסַּאטְמַאר זְכוּתוֹ יָגֵן

עָלֵינוּ אַז מֶען זָאל נֶעמֶען פַּאר עֶנְגְלִישׁ טִיטְשֶׁערְס דַוְקָא גוֹיִם אָדֶער מָאדֶערְנֶע אִידְן, כְּדֵי דִי קִינְדֶער זָאלְן ווִיסְן אַז דָאס אִיז נִישְׁט זַאכְן וָואס מֶען דַארְף אָנְנֶעמֶען אַזוֹי עֶרְנְסְט; אוֹיךְ זָאגְט מֶען נָאךְ אַז דֶער סַאטְמַאר רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאל הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז מֶען זָאל נִישְׁט רֶעדְן בַּיי עֶנְגְלִישׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווייל מֶען ווִיל דָאךְ אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן ווִיסְן אַז וָואס מֶען רֶעדְט דֶעמָאלְט בַּיי עֶנְגְלִישׁ אִיז נִישְׁט אַן עִיקָר, אוּן אוֹיב מֶען וֶועט יָא רֶעדְן אוּן דֶערְמַאנֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועלְן דִי קִינְדֶער וֶוערְן צֶעמִישְׁט; אוֹיךְ בִּשְׁעַתְ'ן שְׁפִּילְן זָאל מֶען נִישְׁט אַרַיינְפְּרֶעגְלֶען אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִין יֶענֶע צַייט.

וֶוען אִיךְ שְׁרַייבּ 'רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן', רֶעד אִיךְ נִישְׁט פוּן סְתַם זָאגְן 'אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם' אָדֶער 'בָּרוּךְ הַשֵּׁם', מֶען רֶעדְט פוּן אַרַיינְפְּרֶעגְלֶען אֱמוּנָה, רֶעדְן פוּן אִידִישְׁקֵייט זַאכְן בַּאֲרִיכוּת, דָאס טוּט מֶען נִישְׁט בַּיי עֶנְגְלִישׁ.

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאבּ אִיךְ אַסַאךְ מָאל גֶעהֶערְט פַּארְקֶערְט, אַז מֶען זָאל יָא אַסַאךְ רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַרַיינְלֵייגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין יֶעדֶע צַייט אוּן אִין יֶעדֶע מַצָּב. אֵיינֶער הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אִיבֶּער אַ רֹאשׁ הַמַּדְרִיכִים וָואס אִיז מְקוֹרָב צוּם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוּן מֶען אִיז גֶעוֶוען בְּרוֹגֶז אוֹיף אִים ווייל עֶר הָאט גֶערֶעדְט צוּפִיל פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּשְׁעַתְ'ן שְׁפִּילְן מִיט דִי קִינְדֶער, זֵיי הָאבְּן גֶע'טַעֲנָה'ט אַז וֶוען עֶר מִישְׁט אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִינְמִיטְן שְׁפִּילְן, וֶוערְט גְרִינְג גֶעשֶׁעצְט דִי גַאנְצֶע רוּחָנִיּוּת אִין דִי קִינְדֶערְ'ס אוֹיגְן, "וֶוען מֶען שְׁפִּילְט שְׁפִּילְט מֶען, אוּן וֶוען מֶען לֶערְנְט לֶערְנְט מֶען, מִישְׁט נִישְׁט צוּזַאם דִי יוֹצְרוֹת".

אִיךְ בִּין נֵייגֶעריג אוֹיב דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט שׁוֹין גֶעהֶערְט פוּן דִי מֵימְרוֹת בְּשֵׁם דֶעם סַאטְמַאר רֶבִּי'ן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן וָואס זֶענֶען דִי גְּדָרִים בַּיי דֶעם? אָדֶער אִיז דָאס גֶענְצְלִיךְ שֶׁקֶר דוּרְכְאוֹיס, אוּן מֶען טָאר עֶס בִּכְלָל נִישְׁט אִיבֶּערְזָאגְן?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ד לפ"ק

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶען דַארְף רֶעדְן מִיט דִי קִינְדֶער וָואס מֶער פוּן אֱמוּנָה. ווייל דֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פוּן סַאטְמֶער בְּרֶענְגְט אִין זַיין הֵיילִיגְן סֵפֶר וַיּוֹאֶל מֹשֶׁה, וָואס

וועט זיין אין אונזערע צייטן איידער משיח וועט קומען; ער ברענגט (מַאֲמָר יִשּׁוּב אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, סִימָן קנ) פון ספר שיחות הר"ן (סִימָן לה): "שֶׁהוֹלֵךְ אֶפִּיקוֹרְסוּת גָּדוֹל עַל הָעוֹלָם", עס וועט קומען א צייט וואס עס וועט זיין גרויסע אפיקורסים, "אַשְׁרֵי מִי שֶׁיַּחֲזִיק עַצְמוֹ בֶּאֱמוּנָה בְּאֵלּוּ הָעִתִּים", וואויל איז פאר די וואס וועלן זיין שטארק אין די אמונה אינעם אייבערשטן, און דער רבי האט געזאגט: "אַף עַל פִּי שֶׁאֵינוֹ מוֹעִיל כְּלָל מַה שֶּׁהוּא מְסַפֵּר זֹאת, שֶׁיִּהְיֶה אֶפִּיקוֹרְסוּת בָּעוֹלָם וְשֶׁצְּרִיכִין לְהִתְחַזֵּק עַצְמוֹ בֶּאֱמוּנָה, כִּי אַף עַל פִּי שֶׁהוּא אוֹמֵר זֹאת אַף עַל פִּי כֵן מִתְגַּבֶּרֶת הָאֶפִּיקוֹרְסוּת וְהַבִּלְבּוּלִים", איך ווייס עס וועט נישט העלפן אז איך זאג שוין דאס אלעס פאראויס, "אַךְ אַף עַל פִּי כֵן אֲנִי מוֹדִיעַ זֹאת מִקֹּדֶם", דאך זאג איך יעצט וואס גייט זיין - "בִּשְׁבִיל אוֹתָן מְעַט הַכְּשֵׁרִים שֶׁיַּחְזְקוּ עַצְמָן בֶּאֱמוּנָתָן", פאר די געציילטע ערליכע אידן, זיי זאלן זיך שטארקן, "וּבְוַדַּאי יִהְיֶה לָהֶם מִלְחָמוֹת גְּדוֹלוֹת בְּדַעְתָּן", זיי וועלן זיך דארפן אסאך שלאגן מיט די ביטערע נסיונות, "לְמַעַן יִהְיֶה לָהֶם לְמֵשִׁיב נֶפֶשׁ וְהִתְחַזְּקוּת וְהִתְאַמְּצוּת יוֹתֵר כְּשֶׁיִּרְאוּ שֶׁכְּבָר דִּבְּרוּ מִזֶּה מִקֹּדֶם", דאס וועט זיין פאר זיי גרויסע חיזוק ווען זיי וועלן זען אז מען האט שוין פון פריער געוואוסט וואס עס גייט זיין.

מיר זענען אין זייער א שווערע צייט, עס בושעוועט לינקע ווינטן פון כפירות ואפיקורסות, מען דארף רעדן מיט קינדער וואס מער דיבורי אמונה, ווייל די נסיונות אין אונזער דור זענען זייער שטארק. מיר זענען אין עקבתא דמשיחא, אזוי ווי דער הייליגער סאטמערער רבי ברענגט אין זיין הייליגן ספר ויואל משה (שָׁם), וואס דער רבי האט געזאגט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רכ): "שֶׁיִּהְיֶה אֶפִּיקוֹרְסוּת גָּדוֹל בָּעוֹלָם", עס וועט קומען א צייט וואס עס וועט זיין אין די וועלט אפיקורסות, "כִּי מִלְמַעְלָה יָבוֹא אֶפִּיקוֹרְסוּת בָּעוֹלָם", פון הימל וועט מען ברענגען אפיקורסות, "בִּשְׁבִיל נִסָּיוֹן", כדי צו אויספרובירן ווער עס וועט זיין שטארק אין די אמונה, עס וועט זיין זייער שווער פאר די ערליכע אידן, דער רבי האט געקרעכצט און געזאגט: "אוי, איך יוכלו לַעֲמֹד אֲנָשִׁים מוּעָטִים נֶגֶד כָּל הָעוֹלָם", ווי אזוי וועלן אזוי ווייניג מענטשן קענען שטיין קעגן די גאנצע וועלט...

סֵיי בַּיים שְׁפִּילְן, סֵיי בַּיים לֶערְנֶען, שְׁרַייבְּן אוּן רֶעכֶענֶען, ווי מֶען קֶען נָאר - דַארְף מֶען אַרַיינְפְלֶעכְטְן דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן עֶר פִירְט אַלֶעס, עֶר מַאכְט אַלֶעס, נִישְׁטָא קַיין טֶבַע, מִקְרֶה אָדֶער מַזָל, אוּן זִיכֶער נִישְׁט לֶערְנֶען וָואס דִי מִינִים וְאֶפִּיקוֹרְסִים ווילְן מִיר זָאלְן לֶערְנֶען מִיט אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זָאל מֶען נִישְׁט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיבּ מֶען קֶען זִיךְ אַלֵיין אַן עֵצָה גֶעבְּן?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער דֶעם וָואס דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט אִין סֵפֶר הַמִּדּוֹת, (עֶרֶךְ צַדִּיק, סִימָן ע"א) "אַל תִּתְפַּלֵּל וְאַל תַּטְרִיחַ אֶת קוֹנְךָ, כָּל זְמַן שֶׁאַתָּה יָכוֹל לַעֲשׂוֹת בִּפְעֻלָּה", זָאלְסְט נִישְׁט מִתְפַּלֵּל זַיין אוּן מַטְרִיחַ זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווי לַאנְג דוּ קֶענְסְט עֶפֶּעס טוּן צוּ דֶעם. דֶער שְׁטִיקְל אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין, וָואס הֵייסְט מֶען זָאל נִישְׁט מִתְפַּלֵּל זַיין? וָואס דֶען זָאל אִיךְ טוּן? דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז דָאךְ אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא אַ זַאךְ אוֹיף וָואס תְּפִלָּה זָאל נִישְׁט הֶעלְפְן.

אוֹיסֶער דֶעם, דַארְף דֶען אַ מֶענְטְשׁ כְּסֵדֶר מַאכְן דֶעם חֶשְׁבּוֹן, 'יֶעצְט קֶען אִיךְ עֶפֶּעס טוּן, וֶועל אִיךְ יֶעצְט נִישְׁט מִתְפַּלֵּל זַיין; אוּן יֶעצְט אַז אִיךְ קֶען גָארְנִישְׁט טוּן דֶערְצוּ, זָאל אִיךְ יָא בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן', מֶען קֶען דָאךְ נִישְׁט זָאגְן אַזוֹי.

אֵיינֶער הָאט מִיר גֶעווִיזְן אַז מוֹהֲרַא"שׁ בְּרֶענְגְט דֶעם שְׁטִיקְל אִין שׁוּ"ת בְּרֶסְלֶב, אוֹיף דֶעם וָואס אֵיינֶער פְרֶעגְט אַן אִיבֶּער אַ גֶעווִיסֶע מֶעדֶעצִינִישֶׁע בַּאהַאנְדְלוּנְג, אוּן מוֹהֲרַא"שׁ ענְטְפֶערְט אַז מֶען זָאל עֶס מַאכְן, אוּן עֶר בְּרֶענְגְט צוּ דֶעם שְׁטִיקְל סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹיף דֶעם. אוּן עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער גֶעוֶוען, אֲפִילוּ מֶען דַארְף טַאקֶע מַאכְן דִי מֶעדֶעצִינִישֶׁע פְּרָאצֶעדוּר, קֶען מֶען דֶען נִישְׁט מִתְפַּלֵּל זַיין אוֹיף דֶעם? אֲפִילוּ עֶס וֶועט דַארְפְן פַּאסִירְן אַ נֵס אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל גֶעהֵיילְט וֶוערְן, אִיז דָאךְ תְּפִלָּה שְׁטֶערְקֶער פוּן אַלֶעס.

אַגַב, הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט פַּארְוָואס דֶער שְׁטִיקְל אִיז אִין עֶרֶךְ "צַדִיק", וואו קוּמְט עֶס דָארְט אַרַיין?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ד לפ"ק**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיװ.

אַוַדַאי און אַוַדַאי דַארְף מֶען אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת אוֹת תְּפִלָּה, סִימָן לז): "עַל כָּל הַדְּבָרִים, הֵן עַל דָּבָר גָּדוֹל הֵן עַל דָּבָר קָטָן, תִּתְפַּלֵּל", אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, סֵיי אוֹיף אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ און סֵיי אוֹיף אַ קְלֵיינֶע זַאךְ - זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים לב, ו): "עַל זֹאת יִתְפַּלֵּל כָּל חָסִיד אֵלֶיךָ לְעֵת מְצֹא", מֶען זָאל בֶּעטְן אוֹיף אַ שִׁידוּךְ, און מֶען זָאל בֶּעטְן מֶען זָאל מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶערְנֶען. אוֹיךְ אוֹיף מִיתָה; מֶען זָאל שְׁטַארְבְּן מִיט אַ גְרִינְגֶע מִיתָה, אוֹיךְ אוֹיף קוּמֶען צוּ קְבוּרָה, און אוֹיךְ אוֹיף בֵּית הַכִּסֵּא; זֶעט מֶען אַז מֶען דַארְף בֶּעטְן אוֹיף גְרוֹיסֶע זַאכְן, וִוי אַ שִׁידוּךְ און מַצְלִיחַ זַיין אִין תּוֹרָה, מִיתָה און קְבוּרָה, און סֵיי אוֹיף קְלֵיינֶע זַאכְן - וִוי אוֹיף בֵּית הַכִּסֵּא.

אַזוֹי אוֹיךְ הָאט רֶבִּי נָתָן דֶערְצֵיילְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רלג) עֶר הָאט אַמָאל גֶעדַארְפְט עֶפֶּעס, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם", און רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ 'וָואס הֵייסְט, אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען אוֹיךְ בֶּעטְן?' הָאט אִים דֶער רֶבִּי פָארְגֶעהַאלְטְן און גֶעפְרֶעגְט: "עֶס פַּאסְט דִיר נִישְׁט צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם?" אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ טוֹישְׁן דִי טֶבַע - דַארְף מֶען טוּן וָואס מֶען קֶען, און נָאר אַז מֶען קֶען גָארְנִישְׁט טוּן - דֶעמָאלְט בֶּעט מֶען אוֹיף אַ נֵס. אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפִינֶען, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (עֲבוֹדָה זָרָה, יח) דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵּס אִיז גֶעגַאנְגֶען אַרוֹיסְכַאפְּן זַיין שְׁוֶועגֶערִין פוּן דִי רוֹיבֶּער וָואס

הָאבְּן אִיר גֶעפַאנְגֶען. עֶר הָאט מִיטְגֶענוּמֶען אַ זֶעקְל גֶעלְט צוּ גֶעבְּן פַאר דִי שׁוֹמְרִים, כְּדֵי זֵיי צוּ מְשַׁחֵד זַיין זֵיי זָאלְן אִיר שְׁטִילֶערְהֵייט בַּאפְרֵייעֶן. עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם שׁוֹמֵר: "גֶעבּ מִיר אַהֶער מַיין שְׁוֶועגֶערִין", הָאט דֶער שׁוֹמֵר גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ מוֹרָא מֶען וֶועט מִיךְ פָארְהַאלְטְן וואוּ זִי אִיז", הָאט רֶבִּי מֵאִיר אִים גֶעגֶעבְּן דִי זֶעקְל גֶעלְט, אַז אוֹיבּ מֶען וֶועט אִים פָארְהַאלְטְן זָאל עֶר זֵיי גֶעבְּן גֶעלְט. הָאט דֶער שׁוֹמֵר גֶעפְרֶעגְט: "וָואס וֶועל אִיךְ טוּן וֶוען דִי גֶעלְט וֶועט זִיךְ עֶנְדִיגְן?" הָאט רֶבִּי מֵאִיר גֶעזָאגְט: "זָאלְסְטוּ זָאגְן 'אֱלָקָא דְמֵאִיר עֲנֵנִי' אוּן דוּ וֶועסְט זִיךְ רַאטֶעוֶוען פוּן זֵיי".

זָאגְט דֶער מַהַרְשָׁ"א, וָואס הָאט אוֹיסְגֶעפֶעלְט אַז רֶבִּי מֵאִיר זָאל גֶעבְּן גֶעלְט, עֶר הָאט דָאךְ גְלַייךְ גֶעקֶענְט אוֹיסְלֶערְנֶען דִי זַאךְ פוּן זָאגְן 'אֱלָקָא דְמֵאִיר עֲנֵנִי'?! נָאר "כָּל כַּמָּה דְהַוָּה מָצֵי לְאַצּוֹלֵי בְּמָמוֹן", וִוי לַאנְג עֶר הָאט זִיךְ גֶעקֶענְט רַאטֶעוֶוען מִיט גֶעלְט - "לֹא הֲוָה בָּעֵי לְאַצּוֹלֵי עַל יְדֵי נֵס", הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט רַאטֶעוֶוען מִיט אַ נֵס, "בֶּאֱלָקָא דְמֵאִיר עֲנֵנִי", מִיט דִי זַאךְ פוּן זָאגְן 'אֱלָקָא דְמֵאִיר עֲנֵנִי', נָאר נָאכְן נִישְׁט הָאבְּן מֶער קַיין גֶעלְט הָאט עֶר זִיךְ בַּאנוּצְט מִיט אַ נֵס. אוֹיף דֶעם זָאגְט דֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת הַמְתָּקַת הַדִּין, סִימָן סז): "כָּל זְמַן שֶׁתּוּכַל לְהִנָּצֵל עַל יְדֵי מָמוֹן, אַל תְּשַׁמֵּשׁ בִּתְפִלּוֹת", ווִילַאנְג דוּ קֶענְסְט זִיךְ רַאטֶעוֶוען דוּרְךְ גֶעלְט - זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט בַּאנוּצְן מִיט תְּפִילוֹת, דָאס זֶעלְבֶּע זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם אוֹת יְשׁוּעָה, סִימָן ח): "אַל תִּסְמֹךְ עַל הַנֵּס, כָּל זְמַן שֶׁאֶפְשָׁר לְךָ לְהִנָּצֵל בְּמָמוֹן אוֹ בְּדָבָר אַחֵר", פַארְלָאז זִיךְ נִישְׁט אוֹיף אַ נֵס ווִילַאנְג דוּ קֶענְסְט זִיךְ רַאטֶעוֶוען מִיט גֶעלְט, אוּן אַ דְרִיטֶע מָאל זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם אוֹת צַדִּיק, סִימָן עא): "אַל תִּתְפַּלֵּל וְאַל תַּטְרִיחַ אֶת קוֹנְךָ, כָּל זְמַן שֶׁאַתָּה יָכוֹל לַעֲשׂוֹת בִּפְעֻלָּה", דַאוֶוען נִישְׁט אוּן בַּאמוּטְשֶׁע נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִילַאנְג דוּ הָאסְט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ טוּן עֶפֶּעס זִיךְ צוּ הֶעלְפְן; דֶערִיבֶּער זָאגְט מוֹהֲרַא"שׁ, 'וָואס גֵייסְטוּ נִישְׁט צוּם דָאקְטֶער אַרָאפְּנֶעמֶען דִי הָאר', ווַייל אַז מֶען קֶען עֶס הַיינְט טוּן גְרִינְגֶערְהֵייט - דַארְף מֶען טוּן אוּן נִישְׁט בֶּעטְן אוֹיף נִיסִים.

אוֹיף דִי פְרַאגֶע, וָואס הָאט דָאס מִיט צַדִּיק; וֶוער לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס דַאוֶוענֶען? וֶוער לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס מִיר זָאלְן נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי זַאךְ פוּן תְּפִלָּה?

נָאר דֶער צַדִּיק; דָאס אִיז דָאךְ דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן צַדִּיק, עֶר אִיז מְחַזֵּק צוּרִיק צוּ גֵיין נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר לֶערְנְט אוּנְז וָואס צוּ בֶּעטְן אוּן וִוי אַזוֹי צוּ בֶּעטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס אִיךְ טוּ, קוּמֶען אָן צוּ דִי סִטְרָא אַחֲרָא?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן אַ בַּעַל דַּרְשָׁן אַז וֶוען דִי סִטְרָא אַחֲרָא הָאט שׁוֹין נִישְׁט וָואס יוֹנֵק צוּ זַיין פוּן אַ מֶענְטְשׁ, מַאכְט עֶר דֶעם מֶענְטְשׁ תְּשׁוּבָה טוּן אוּן עֶר זָאל טוּן מִצְוֹת, אוּן דִי סִטְרָא אַחֲרָא בַּאקוּמְט חִיּוּת פוּן דֶעם. דָאס הָאט מִיר גֶעמַאכְט חֲלִישׁוּת הַדַּעַת, דָאס קֶען מֵיינֶען אַז דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס אִיךְ טוּ שׁוֹין יָא, אִיז אוֹיךְ פוּן דִי סִטְרָא אַחֲרָא?!

וֶוען אִיךְ בִּין אָבֶּער אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַנְדֶערְשׁ, אַז אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ זֶעט נָאךְ אוֹיס וִוי אַזוֹי עֶר זֶעט אוֹיס, אֲפִילוּ עֶר פַאלְט נָאךְ אַרָאפּ אִין שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, זָאל עֶר נָאכְאַלְץ פְּרוּבִּירְן אַרַיינְצוּכַאפְּן וִוי מֶער מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים; מֶען זָאל נִישְׁט צוּרִיק קוּקְן אוֹיף וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן בִּיז יֶעצְט, נָאר פְּרוּבִּירְן צוּ טוּן גוּטֶע זַאכְן וִויפִיל מֶען קֶען. וָואס זָאגְט דֶער רֶבִּי וֶועגְן דֶעם? וָואס אִיז דִי טַאקֶע דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ד לפ״ק

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס דַארְפְסְטוּ זִיךְ מְבַלְבֵּל זַיין פוּן יֶעדֶע זַאךְ? נֶעם דֶעם רֶבִּינְ׳ס וֶוערְטֶער אוּן גֵיי אָן מִיט דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן מ״ח): ״כִּי צָרִיךְ עַקְשָׁנוּת גָּדוֹל מְאֹד מְאֹד לִהְיוֹת חָזָק וְאַמִּיץ לֶאֱחֹז עַצְמוֹ

לַעֲמֹד עַל עָמְדוֹ אַף אִם מַפִּילִין אוֹתוֹ, חַס וְשָׁלוֹם, בְּכָל פַּעַם", מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ נִישְׁט צוּ װערְן גֶעפַאלְן װען מֶען זֶעט אַז דֶער יֵצֶר הָרָע װוארְפְט אַרָאפּ חַס וְשָׁלוֹם, "כִּי לִפְעָמִים יֵשׁ שֶׁמַּפִּילִין אֶחָד מֵעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, כַּיָּדוּעַ, אַף עַל פִּי כֵן עָלָיו לַעֲשׂוֹת אֶת שֶׁלוֹ, לַעֲשׂוֹת מַה שֶּׁיּוּכַל בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם וְאַל יָנִיחַ עַצְמוֹ לִפֹּל לְגַמְרֵי, חַס וְשָׁלוֹם", וַוייל אֲפִילוּ מֶען שְׁפִּירְט וִוי מֶען הַאלְט אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל טָאר מֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן אָפְּלָאזְן וְכוּ׳, נָאר מֶען דַארְף וַוייטֶער דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט וָואס מֶען קֶען נָאר, "כִּי כָל אֵלּוּ הַנְּפִילוֹת וְהַיְרִידוֹת וְהַבִּלְבּוּלִים וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה, צְרִיכִים בְּהֶכְרֵחַ לַעֲבֹר בָּהֶם קֹדֶם שֶׁנִּכְנָסִין בְּשַׁעֲרֵי הַקְּדֻשָּׁה", וַוייל דָאס וָואס מֶען פַאלְט אַרָאפּ - דָאס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם פַאר מֶען אִיז זוֹכֶה אַריין צוּ קוּמֶען צוּ דִי קְדוּשָּׁה, "וְגַם הַצַּדִּיקִים הָאֲמִתִּיִּים עָבְרוּ בְּכָל זֶה", אוּן אַלֶע אֱמֶתְ׳עֶ צַדִּיקִים זֶענֶען דָאס אַרִיבֶּער.

דִי סִטְרָא אַחֲרָא הָאבְּן זֵייעֶרֶע װעגְן וִוי אַזוֹי זֵיי װעלְן דִיךְ מַאכְן חֲלִישׁוּת הַדַּעַת, זֵיי שֶׁעפְּן חַיּוּת פוּן צֶעבְּרֶעכְן מֶענְטְשְׁן, פוּן אַרָאפְּוַוארְפְן אִין חֲלִישׁוּת הַדַּעַת, דָאס אִיז זֵייעֶר זַאךְ; בֶּעט אִיךְ דִיר, בְּלַייבּ פֶעלְזְן פֶעסְט נִישְׁט צוּ אָפְּלָאזְן דַיינֶע מַעֲשִׂים טוֹבִים. וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם): "כִּי כֵן דֶּרֶךְ הַבַּעַל דָּבָר וְהַסִּטְרָא אָחֳרָא, כְּשֶׁרוֹאֶה שֶׁהָאָדָם סָמוּךְ סָמוּךְ מַמָּשׁ לְשַׁעֲרֵי הַקְּדֻשָּׁה, וְכִמְעַט שֶׁיִּכְנֹס, אֲזַי הוּא מִתְפַּשֵּׁט עָלָיו בְּהִתְגַּבְּרוּת גָּדוֹל מְאֹד מְאֹד, רַחֲמָנָא לִצְלָן", וַוייל װען דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם זֶעט וִוי אֵיינֶער אִיז שׁוֹין מַמָּשׁ אִין דִי קְדוּשָּׁה - פַארְלֵייגְט עֶר זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, אָבֶּער גֶעדֶענְק: "אַ פַּאטְשׁ פַאר מִיר, אַ פַּאטְשׁ פַאר דִיר, דֶער עִיקָר װעט מֶען זֶען װער עֶס גֶעבְּט דֶעם לֶעצְטְן פַּאטְשׁ", זָאלְסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן, גֶעבּ אִים אַ פַּאטְשׁ, כָאטְשִׁיג עֶר װעט דִיר צוּרִיק גֶעבְּן אַ פַּאטְשׁ, אָבֶּער בַּיים סוֹף װעסְטוּ אוֹיסְפִירְן.

חֲלִישׁוּת הַדַּעַת גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס וִויל זַיין עֶרְלִיךְ, מֶען הֶערְט פוּן מַגִּידִים צִיפֶּעדִיגֶע װערְטֶער, אַז מֶען אִיז בַּיי דִי סִטְרָא אַחֲרָא וְכוּ׳ אוּן מֶען נֶעמְט דָאס אוֹיף זִיךְ צֶעבְּרֶעכְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם): "כְּשֶׁאָדָם נִכְנָס בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אֲזַי הַדֶּרֶךְ שֶׁמַּרְאִין לוֹ הִתְרַחֲקוּת, וְנִדְמֶה לוֹ שֶׁמַּרְחִיקִין אוֹתוֹ מִלְמַעְלָה וְאֵין מַנִּיחִין אוֹתוֹ כְּלָל לִכָּנֵס לַעֲבוֹדַת

הַשֵּׁם", אַזוֹי גֵייט עֶס וֶוען מֶען וויל וֶוערן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דֶער מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט ווי קֵיינֶער דַארְף אִים נִישְׁט, עֶר הָאט שְׁטַארְקֶע רְאָיוֹת, אַז מֶען דֶערְוַוייטֶערְט אִים; אָבֶער עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין הִתְרַחֲקוּת, "וּבֶאֱמֶת כָּל הַהִתְרַחֲקוּת הוּא רַק כֻּלּוֹ הִתְקָרְבוּת", דָאס אִיז נָאר אַ וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען וויל דֶערְנֶענְטֶערְן דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ אוּן עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ, דַאן וֶועט עֶר אַלֶעס אַרִיבֶּערְגֵיין אוּן עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת וָואס אִיז נָאר פַּארְהַאן.

דָאס בֶּעסְטֶע אִיז זָאלְסְט זִיךְ נָאר צוּהֶערְן צוּם קוֹל פוּן רֶבִּי'ן – וֶועסְטוּ אַלְץ זֶען דֶעם טִיר וִוי צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**הֶעלְפְן דֶעם רֶבִּי'ן מִיט גֶעטְרֵיישַׁאפְט**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, ט"ו מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרְער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַ גוּטֶע גְרִיס אוֹיף דִיר, דוּ רֵיינִיגְסְט יֶעדֶע וָואךְ מוֹצָאֵי שַׁבָּת דִי שׁוּל, דוּ בְּלַייבְּסְט וֶוען אַלֶע גֵייעֶן אַהֵיים צוּזַאמְנֶעמֶען דִי שְׁמוּץ, דִי טִישְׁטוּכֶער וְכוּ'.

וֶוען מֶען הֶעלְפְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, מֶען הֶעלְפְט אִין שׁוּל, וֶוער רֶעדְט נָאךְ אוּמְגֶעבֶּעטְן - וַוייזְט דָאס אוֹיף דִי גֶעטְרֵיישַׁאפְט וָואס מֶען הָאט צוּם רֶבִּי'ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן אוּנְזֶער גַאנְץ לֶעבְּן זַיין צוּגֶעבִּינְדְן צוּם רֶבִּי'ן, סֵיי אוּנְז אוּן סֵיי אוּנְזֶערֶע דוֹרוֹת, מִיר זָאלְן קוּקְן אוֹיפְן שׁוּל וִוי דִי אֵייגֶענֶע שְׁטוּבּ, אוּן אַזוֹי מִיט יֶעדֶע זַאךְ וָואס הָאט מִיט דִי מוֹסְדוֹת אוּן מִיט הֲפָצָה.

פְרַייטָאג דִי וָואךְ הוֹיבְּן מִיר אָן מַסֶכֶת בָּבָא קַמָא, אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט זַיין שְׁטַארְק מִיט דִי שִׁיעוּר מֶער פוּן אַלֶעס.

...

**רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אָן טְרֶערְן אוּן אָן גֶעפִּיל**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, ט"ו מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, מַיין הַארְץ אִיז צֶעְרִיסְן פַאר דִיר, וֶוען דוּ וַוארְטְסְט שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג פַאר דַיין שִׁידוּךְ, דוּ בִּיסְט אַ פְּלַג גוּף, אַ הַאלְבֶּער מֶענְטְשׁ, דוּ ווִילְסְט שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע גוּטְס וָואס מֶען בַּאקוּמְט וֶוען מֶען הָאט חֲתוּנָה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְבָמוֹת סב, סג): "הַשָּׁרוּי בְּלֹא אִשָּׁה", דֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין וַוייבּ, - "שָׁרוּי בְּלֹא טוֹבָה, בְּלֹא בְּרָכָה, בְּלֹא תּוֹרָה", הָאט נִישְׁט קַיין גוּטְס, הָאט נִישְׁט קַיין בְּרָכָה וְכוּ', "וְלֹא נִקְרָא אָדָם", מֶען אִיז נִישְׁט קַיין מֶענְטְשׁ בִּיז מֶען הָאט חֲתוּנָה; מַיין הַארְץ גֵייט אוֹיס פַאר דִיר.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, בְּרוּדֶער, נֶעם דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת, גֵיי שְׁרֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין שְׂפְרַאךְ, זָאג אִים: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ ווִיל חֲתוּנָה הָאבְּן, גֶעבּ מִיר שׁוֹין מַיין שִׁידוּךְ, ווִי לַאנְג נָאךְ וֶועל אִיךְ זַיין אַלֵיין, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ הַאלְט עֶס נִישְׁט אוֹיס, אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין פַאלְן, אִיךְ פַאל אִין פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, ווִיפִיל אִיךְ פְּרוּבִיר - גֵייט עֶס מִיר נִישְׁט, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת, גֶעבּ מִיר מַיין שִׁידוּךְ"; אַזוֹי זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן אוּן אוֹיסְגִיסְן דַיין הַארְץ.

רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אָן טְרֶערְן אוּן אָן גֶעפִּיל, וַוארְט נִישְׁט אוֹיף טְרֶערְן אוּן גֶעפִּיל, פָאלְג דֶעם רֶבִּי'ן, גֵיי יֶעדְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת. זוּךְ אַ לֵיידִיגֶע פַּארְק, גֵיי אַהִין בַּיינַאכְט אוּן פַארְטָאגְס, פַארְמַאךְ דִי אוֹיגְן אוּן דֶערְצֵייל אַלֶעס אַלֶעס - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן שְׁנֶעל דַיין שִׁידוּךְ.

...

## אַלֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס דֶער מַאן טוּט בְּטָהֳרָה, אִיז דִי פְרוֹי'ס זְכוּת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת וַיֵּרָא, ט"ו מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר זָאגְט, עֶס אִיז אִים אַסַאךְ גְרִינְגֶער צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פוּן פָארִיגֶע וָואךְ וֶוען אִיר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶעבְּן מִיט אִים וְכוּ', קוּמְט אוֹיס אַז אַלֶע זַיינֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים; זַיין תּוֹרָה, זַיין תְּפִלָּה, אַלֶעס וָואס עֶר טוּט יֶעצְט בְּטָהֳרָה - אִיז אַייעֶר זְכוּת.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, פֶּרֶק ט): "אֵיזוֹהִי אִשָּׁה כְּשֵׁרָה, כָּל שֶׁעוֹשָׂה רְצוֹן בַּעֲלָהּ", אַ פְרוֹי וָואס טוּט דִי ווִילְן פוּנֶעם מַאן (דָא רֶעדְט מֶען וֶוען מֶען ווִיל נִישְׁט לֶעבְּן מִיטְן מַאן, מֶען טוּט נָאר זַיין ווִילְן אוּן מֶען גֵייט קֶעגְן דִי אֵייגֶענֶע ווִילְן) - אִיז מֶען אַן אִשָּׁה כְּשֵׁרָה.

בַּיי דִי לִיכְט, וֶוען אִיר צִינְדְט דִי שַׁבָּת לִיכְט - זָאלְט אִיר בֶּעטְן פַאר אַייעֶרֶע דוֹרוֹת אוּן אוֹיךְ פַאר דֶעם פְּרָט, עֶס זָאל אַייךְ זַיין גְרִינְג צוּ לֶעבְּן דִי חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע לֶעבְּן מִיטְן מַאן מִיט שִׂמְחָה.

...

## פְּרוּבִּיר מִיט אַלֶע דַיינֶע כֹּחוֹת צוּ שְׁמֵייכְלֶען צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם בּ' פָּרָשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ט מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס, עֶס וֶועט גֶעשֶׁען אַ נֵס, דוּ וֶועסְט זֶען אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה.

גֵיי אַרוּם מִיט אַ שְׁמֵייכְל, אֲפִילוּ עֶס אִיז דִיר שְׁוֶוער. פְּרוּבִּיר מִיט אַלֶע דַיינֶע כֹּחוֹת צוּ שְׁמֵייכְלֶען צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם; בְּעִיקָר אִין שְׁטוּב צוּ דַיין ווַייבּ אוּן קִינְדֶער זָאלְסְטוּ ווַייזְן אַ שְׁמֵייכְל, אֲפִילוּ עֶס קוּמְט דִיר אָן שְׁוֶוער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**רֶעד מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם נָאר דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, אוֹיךְ בַּיי דִי אַרְבֶּעט מִיט דִי גוֹיִם**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ט מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל כְּסִדְרָן, וֶועסְטוּ הָאבְּן הִתְחַזְּקוּת אִין יֶעדְן מַצָּב וָואס זָאל נָאר זַיין. אוֹיךְ וֶועט דִיךְ דִי בְּרִיוו פוּן אֲשֶׁר בַּנַּחַל צִיעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס וֶועט דִיךְ אַרוֹיפְצִיעֶן צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

רֶעד מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם נָאר דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, אוֹיךְ בַּיי דִי אַרְבֶּעט - מִיט דִי גוֹיִם - רֶעד דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, וֶועסְטוּ זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין, אוּן אַלֶע אַרְבֶּעטֶערְס וֶועלְן טוּן דַיין ווִילְן.

דֶערְצֵייל פַאר יֶעדְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִלָּה; ווִי דוּ הָאסְט גֶעדַארְפְט אַ יְשׁוּעָה אוּן מִיט תְּפִלָּה הָאסְטוּ עֶס בַּאקוּמֶען.

...

**גֵיי אָן מִיט דַיינֶע גוּטֶע זַאכְן, אוּן פְּלוּצְלוּנְג וֶועט קוּמֶען דַיין יְשׁוּעָה**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ט מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, אֲפִילוּ דוּ וַוארְטְסְט אַזוֹי לַאנְג אוֹיף דַיין שִׁידוּךְ - בְּלַייב שְׁטַארְק, גֵיי אָן מִיט דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

אִיךְ וֵויס אַז אִיךְ קֶען דִיךְ נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין אַנוּנְג פוּן דַיין צַעַר, ווַייל קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דִי צַעַר פוּן אַ בָּחוּר, פוּן זַיין אַ פְּלַג גוּף; דָאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר לִיבֶּער בְּרוּדֶער, גֵיי אָן מִיט תּוֹרָה, מִיט תְּפִלָּה, מִיט גְּמִילַת חֲסָדִים, אוּן פְּלוּצְלוּנְג וֶועט קוּמֶען דַיין יְשׁוּעָה.

לְמַעַן הַשֵּׁם לָאז זִיךְ נִישְׁט נָאךְ, לָאז זִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן; זַיי פֶעלְזְן פֶעסְט. גֵיי יֶעדְן טָאג אִין מִקְוֶה, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ אָפְּוַואשְׁן יֶעדְן טָאג אוּן אָנְטוּן פְרִישֶׁע קְלֵיידֶער. דַיין הוּט אוּן שִׁיךְ אוּן רֶעקְל זָאלְן זַיין אָן פְּלֶעקְן.

אויף זָאלְסְטוּ אַרוּפְצִיעֶן אַ שְׁמֵייכְל, אֲפִילוּ עֶס אִיז פַאלְשׁ, אֲפִילוּ עֶס אִיז נִישְׁט עֶכְט; אַזוֹי וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען דַיין שִׁידוּךְ.

...

## אֲפִילוּ דֶער צַדִיק אַלֵיינְס קְרִיגְט אויף אִים, גֵייט עֶר נִישְׁט אַוֶועק פוּנֶעם צַדִיק

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ד לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַזוֹי גֵייט דֶעם רֶבִּי'נְס זַאךְ, עֶס קוּמְט מִיט אַסַאךְ מְנִיעוֹת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שיח): "לִכְנֹס אֶצְלִי וּלְהִתְקָרֵב אֵלַי הוּא דָּבָר קָשֶׁה מְאֹד", אַרַיינְקוּמֶען צוּ מִיר אוּן צוּ וֶוערְן מְקוּרָב צוּ מִיר אִיז זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ, "וַאֲפִלּוּ בָּנַי עַצְמָם", אוּן אֲפִילוּ מַיינֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער, "וְכִי יֵשׁ יוֹתֵר מְקֹרָב מִבָּנִים", וֶוער אִיז דֶען נֶענְטֶער צוּם מֶענְטְשׁ וִוי דִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער? "אֲפִלּוּ הֵם כָּל אֵימַת שֶׁרוֹצִים לִכְנֹס אֶצְלִי", אֲפִילוּ זֵיי וֶוען זֵיי ווִילְן אַרַיינְקוּמֶען צוּ מִיר - "יֵשׁ עַל זֶה כַּמָּה בִּלְבּוּלִים וּמַחֲשָׁבוֹת הַטּוֹרְדוֹת וְכַיּוֹצֵא", אִיז דָא אַסַאךְ בִּלְבּוּלִים מִיט חֲלִישׁוּת הַדַּעַת.

וֶוער נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן אַז עֶס גֵייט דִיר נִישְׁט וְכוּ', דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ גֵייט מִיט מְנִיעוֹת. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם): "וְהָעִקָּר בִּשְׁעַת הַהַתְחָלָה", בַּיים אָנְהוֹיבּ אִיז דִי מֶערְסְטֶע שְׁוֶוער, "וְכָל זְמַן שֶׁנִּקְרָא הַתְחָלָה אָז הוּא קָשֶׁה מְאֹד לְהִתְקָרֵב", אוּן וִוי לַאנְג מֶען הָאלְט בַּיים אָנְהוֹיבּ אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער, "וְגַם אַחַר כָּךְ נַעֲשֶׂה מַה שֶּׁנַּעֲשֶׂה", נָאכְדֶעם אִיז אויךְ שְׁוֶוער, עֶס גֵייט אִיבֶּער וָואס גֵייט אִיבֶּער, "אַךְ בַּהַתְחָלָה כָּל זְמַן שֶׁנִּקְרָא הַתְחָלָה הוּא דָּבָר נִמְנָע וְקָשֶׁה וְכָבֵד מְאֹד לִכְנֹס וּלְהִתְקָרֵב", אָבֶּער אִין אָנְהוֹיבּ אִיז שְׁוֶוער אָנְצוּקוּמֶען צוּם רֶבִּי"ן; אַזוֹי גֵייט אַרִיבֶּער אויף יֶעדְן פְרִישֶׁער מְקוּרָב, בִּלְבּוּלִים מִיט חֲלִישׁוּת הַדַּעַת וְכוּ' וְכוּ'.

וֶוען רֶבִּי יוּדְל זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי"ן הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט אַז דֶער רֶבִּי אִיז בְּרוֹגֶז אויף אִים, רֶבִּי יוּדְל הָאט נִישְׁט

גֶעוואוּסְט אַז דָאס קוּמְט פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע וָואס טוּט אַלֶע פְּעוּלוֹת צוּ מְרַחֵק זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ פוּנֶעם צַדִּיק, הָאט עֶר מוֹרָא גֶעהַאט אַרַיין צוּ גֵיין צוּם רֶבִּי'ן. נָאךְ דְרַיי טֶעג הָאט עֶר זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְהַאלְטְן פוּן זֶען דֶעם רֶבִּי'ן, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין, אִיךְ מוּז אַרַיינְגֵיין צוּם רֶבִּי'ן', דֶער רֶבִּי הָאט פַארְשְׁטַאנֶען בְּרוּחַ קָדְשׁוֹ דִי נִסְיוֹנוֹת וָואס רֶבִּי יוּדְל גֵייט אַרִיבֶּער, אוּן גְלַייךְ וֶוען רֶבִּי יוּדְל אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וִויל מְקוּרָב וֶוערְן צוּם אֱמֶת דֶעמָאלְט אִיז זִיךְ דֶער שֶׁקֶר מִתְגַּבֵּר אוֹיפְן מֶענְטְשׁ, אוּן אַז דֶער מֶענְטְשׁ שְׁטַארְקְט זִיךְ אוֹיפְן שֶׁקֶר, עֶר צֶעבְּרֶעכְט דֶעם שֶׁקֶר וֶוערְט פוּן 'שֶׁקֶר' 'קֶשֶׁר'", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: "דוּ וֶועסְט שׁוֹין בְּלַייבְּן מְקוּשָּׁר צוּ מִיר דַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן".

זֶעט מֶען פוּן דֶעם וִוי דֶער יֵצֶר הָרָע פַארְלֵייגְט זִיךְ אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם בַּאזוּנְדֶער אִים מְבַלְבֵּל צוּ זַיין מִיט כָּל מִינֵי בִּלְבּוּלִים אוּן כָּל מִינֵי מַחֲשָׁבוֹת זָרוֹת, אִים מַחְלִישׁ דַּעַת זַיין עֶר זָאל אָפְּלָאזְן דֶעם רֶבִּי'ן, דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל מַאכְן פוּן שֶׁקֶ"ר אַ קֶשֶׁ"ר שֶׁל קַיָּימָא נִישְׁט אָפְּצוּלָאזְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. אֲפִילוּ דֶער רֶבִּי אַלֵיין אִיז מְרַחֵק זָאל מֶען בְּלַייבְּן שְׁטַארְק בַּיים רֶבִּי'ן; דֶער רֶבִּי זָאגְט אוֹיפְן פָּסוּק (דָּנִיֵּאל א, ד): "וַאֲשֶׁר כֹּחַ בָּהֶם לַעֲמֹד בְּהֵיכַל הַמֶּלֶךְ", דָאס הֵייסְט אַז אֲפִילוּ דֶער צַדִּיק אַלֵיין קְרִיגְט אוֹיף אִים, דָאךְ גֵייט עֶר נִישְׁט אַוֶועק פוּנֶעם צַדִּיק (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קה).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**גוּטֶע חֲבֵרִים וָואס הָאבְּן תְּמִימוּת, וָואס שְׁפֶּעטְן נִישְׁט פוּן צַדִּיקִים**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת תּוֹלְדוֹת, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ד לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

זַיי מְחַזֵּק דַיין שְׁטוּב מֶען זָאל נִישְׁט הָאבְּן צוּטוּן מִיט לֵצִים, דִי וַוייבּ אוּן

דִי קִינְדֶער זָאלְן נָאר הָאבְּן עֶרְלִיכֶע פְרֵיינְד, זִיךְ בַּאפְרַיינְדְן מִיט גוּטֶע שְׁכֵנִים וָואס הָאבְּן תְּמִימוּת, וָואס שְׁפֶּעטְן נִישְׁט פוּן צַדִיקִים אוּן פוּן זֵייעֶרֶע רֵייד. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִידּוֹת אוֹת צַדִיק, סִימָן קלד): "הַלֵּיצָנוּת אֵינוֹ מַנִּיחַ אֶת הָאָדָם לֵילֵךְ לְצַדִּיקִים", לֵיצָנוּת הַאלְט צוּרִיק דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן גֵיין צוּם צַדִיק.

אַז מֶען הָאט צוּטוּן מִיט לֵצִים וֶוערְט זֵייעֶר בִּיטֶער. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם אוֹת לֵיצָנוּת, סִימָן ד): "עַל יְדֵי לֵיצָנוּת בָּאִים יִסּוּרִים", דוּרְךְ לֵיצָנוּת קוּמְט יְסוּרִים; מֶען פַארְלִירְט אַלֶעס. מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס שְׁפֶּעטְן פוּן דִי רֵייד פוּן צַדִיקִים.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵר זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### פַארְבְּרֶענְג אוּן שְׁפַּאצִיר מִיט דִי קִינְדֶער, וֶועלְן זֵיי דִיךְ אוֹיסְהֶערְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת תּוֹלְדוֹת, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ד לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ**

אִיךְ בֶּעט דִיךְ זֵייעֶר, לֵייג אַרַיין יִרְאַת שָׁמַיִם אִין דִי בָּחוּרִים, אוּן מִידּוֹת טוֹבוֹת. עֶס מִיט זֵיי, פַארְבְּרֶענְג מִיט זֵיי אוּן שְׁפַּאצִיר מִיט זֵיי, אַזוֹי וֶועלְן זֵיי דִיךְ אוֹיסְהֶערְן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה י:) אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט מְגַלֶה גֶעוֶוען עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער דוּרְךְ רוּפְן גֶעסְט צוּ זִיךְ אִין שְׁטוּב אוּן זֵיי גֶעגֶעבְּן עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען, "לְאַחַר שֶׁאָכְלוּ וְשָׁתוּ עָמְדוּ לְבָרְכוֹ", וֶוען זֵיי הָאבְּן אָפְּגֶעגֶעסְן זֶענֶען זֵיי אִים גֶעקוּמֶען בַּאדַאנְקֶען, "אָמַר לָהֶם, וְכִי מִשֶּׁלִּי אֲכַלְתֶּם, מִשֶּׁל אֱלֹקֵי עוֹלָם אֲכַלְתֶּם", הָאט זֵיי אַבְרָהָם אָבִינוּ גֶעזָאגְט: מִיךְ דַאנְקְט אִיר? דִי עֶסְן אִיז נִישְׁט מַיינְס, דָאס בַּאלַאנְגְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "הוֹדוּ וְשַׁבְּחוּ וּבֵרְכוּ לְמִי שֶׁאָמַר וְהָיָה הָעוֹלָם", דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס עֶר הָאט

אַלֶעס בַּאשַׁאפְן; אַזוֹי הָאט עֶר אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אַלֶע מֶענְטְשְׁן, נָאר אַזוֹי הָאט עֶר גֶעקֶענְט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דִי אֱמוּנָה אִין דִי וֶועלְט, דוּרְךְ זִיךְ אַרָאפְּלָאזְן צוּ זֵיי דוּרְךְ עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען, שְׁפַּאצִירְן וְכוּ׳ וְכוּ׳.

גֶעב אַכְטוּנְג, כָּל זְמַן דוּ בִּיסְט מְנַהֵל אִין יְשִׁיבָה - נִישְׁט וֶוערְן צוּ עֶרְנְסְט. דוּ וֵוייסְט דָאךְ וָואס פַּאסִירְט וֶוען מֶען וֶוערְט עֶלְטֶער, מֶען קֶען נִישְׁט מֶער לַיידְן דִי וֶועג וִוי יוּנְגֶע מֶענְטְשְׁן פִירְן זִיךְ, שְׁפְּרִינְגֶען, טַאנְצְן וְכוּ׳ וְכוּ׳; מֶען הוֹיבְּט אָן גֶעבְּן מוּסָר, יֶעדֶע זַאךְ וֶוערְט חוּצְפָּה. בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, אָן קַיין לֵיצָנוּת, פוּן אֵיין זַייט לֵייג אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער יִרְאַת שָׁמַיִם, דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן מִידוֹת טוֹבוֹת, אִינְאֵיינֶעם מִיט דֶעם זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען וִוי אַזוֹי יוּנְגֶע פִירְן זִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אֶפְשָׁר ווִילְסְטוּ וֶוערְן אַ גַּבַּאי צְדָקָה פַאר אוּנְזֶער מוֹסָד?**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ד לפ״ק
לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ ווִיל דִיךְ פְרֶעגְן, אֶפְשָׁר קֶענְסְטוּ זַיין דֶער גוּטֶער שָׁלִיחַ צוּ הֶעלְפְן אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת? ווִי דוּ וֵוייסְט - מוּטְשֶׁען מִיר זִיךְ זֵייעֶר, מִיר קֶענֶען נִישְׁט צָאלְן דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע אִין צַייט. אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ לֶעבְּן בְּדַחֲקוּת אוּן צָאלְן נִישְׁט קַיין שְׂכַר לִימוּד, עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט צָאלְן מַיינֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע.

בְּכֵן ווִיל אִיךְ דִיךְ פְרֶעגְן, אֶפְשָׁר וָואלְסְטוּ גֶעוָואלְט וֶוערְן אַ גַבַּאי צְדָקָה פַאר דִי מוֹסָד? גֵיין נָאךְ גֶעלְט פַאר דִי מוֹסָד, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ דוּ וֶועסְט אַרָאפְּנֶעמֶען פְּרָאצֶענְט פַאר דִיר.

מַיינֶע אוֹיגְן זֶענֶען גֶעוָואנְדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ פַארְלָאז זִיךְ נָאר אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מִיר הֶעלְפְן; אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ טוּן וָואס אִיךְ קֶען.

בִּיטֶע לָאז מִיר ווִיסְן אוֹיב דוּ בִּיסְט גְרֵייט צוּ זַיין אַ גַבְּאַי צְדָקָה פַּאר אוּנְזֶער מוֹסָד.

גֵיי נִישְׁט שְׁלָאפְן אָן לֶערְנֶען אַבִּיסְל מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא און הֲלָכָה; זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין - זָאלְסְטוּ נִישְׁט מְוַתֵּר זַיין אוֹיף דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ד לפ״ק

מָרַת ... תִּחְיֶ׳, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל, און שְׁפֶּעטְס פוּן נִישְׁט אֵיידְל. אִיךְ ווִיל אַלֶע תַּלְמִידוֹת בֵּית פֵיגָא זָאלְן זַיין אֵיידֶעלֶע פְרוּיעֶן, נִישְׁט נָאכְגֵיין דִי מָאדֶעס פוּן דִי פֶעלְקֶער.

זָאגְט דִי קִינְדֶער דִי שְׂכַר פוּן גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל; עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, הֵיילִיגֶע דוֹרוֹת, גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע דוֹרוֹת.

רֶעדְט פוּן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה. אוֹיךְ יֶעצְט וֶוען מֶען אִיז נָאכְנִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט זָאלְן זֵיי צוּזַאמְנֶעמֶען דִי הָאר און נִישְׁט הָאבְן לַאנְגֶע הָאר. עֶס אִיז דָאךְ אַזוֹי שֵׁיין - אֵיידְל, עֶס אִיז אַזוֹי זִיס - אֵיידְל, און פַארְקֶערְט, נִישְׁט אֵיידְל - אִיז אַזוֹי מִיאוּס.

אִיךְ פַארְלָאז זִיךְ אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר און דִי אַנְדֶערֶע טִיטְשֶׁערְס טוּעֶן עֶנְקֶער אַרְבֶּעט, עֶנְק טוּעֶן מַיין ווִילְן פוּן פְּרֶעדִיגְן אִידִישְׁקֵייט אִין דִי קִינְדֶער.

...

### זַייט דוּ פּוּצְט זִיךְ אוֹיס, הָאסְטוּ וֶוייניגֶער חֵן

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ד לפ"ק לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׁמִיר זִיךְ נִישְׁט קַיין פֶּערְפְיוּם. דֶער רַמְבַּ"ם זָאגְט (פֶּרֶק ה' מֵהִלְכוֹת דֵּעוֹת, הֲלָכָה ט): "לֹא יֵצֵא מְבֻשָּׂם לַשּׁוּק", מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט שְׁמִירְן מִיט בְּשָׂמִים, "וְלֹא בִּבְגָדִים מְבֻשָּׂמִים", אוֹיךְ דִי קְלֵיידֶער זָאל מֶען נִישְׁט אָנְשְׁמִירְן; מַאךְ זִיךְ נִישְׁט נַארִישׁ מִיט דִי מַעֲשֶׂה נַעֲרוּת, דָאס וֶועט דִיר נִישְׁט בְּרֶענְגֶען קַיין גְלִיק.

לֵייג אַרַיין דַיין מֹחַ מַחֲשָׁבָה אִין תּוֹרָה, תְּפִלָּה אוּן הֲפָּצָה; נִישְׁט אִין קְלֵיידֶער, דָאס אִיז מַעֲשֶׂה יֵצֶר. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ק): "הַבַּעַל דָּבָר וְהַסִּטְרָא אַחֲרָא תּוֹפֶסֶת אֶת הָאָדָם בְּבִגְדוֹ", דֶער יֵצֶר הָרָע כַאפְּט אַ מֶענְטְשׁ מִיט דִי קְלֵיידֶער, דָאס אִיז וָואס שְׁטֵייט בַּיי אֵשֶׁת פּוֹטִיפַר (בְּרֵאשִׁית לט, יב): "וַתִּתְפְּשֵׂהוּ בְּבִגְדוֹ", דִי קְלִיפּוֹת כַאפְּן דֶעם מֶענְטְשׁ דוּרְךְ דִי קְלֵיידֶער, אָבֶער יוֹסֵף הַצַּדִּיק לֶערְנְט אוּנְז (שָׁם): "וַיַּנַּח בִּגְדוֹ אֶצְלָהּ וַיָּנָס" וְכוּ', עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דִי קְלֵיידֶער.

אִיךְ ווִיל זַיין מִיט דִיר אָפְן, זַייט דוּ פּוּצְט זִיךְ אוֹיס הָאסְטוּ וֶוייניגֶער חֵן, עֶנְדֶערְשׁ לֵייג אַרַיין קָאפּ אוּן מֹחַ אִין תּוֹרָה וּתְפִלָּה וְהַפָּצָה - וֶועסְטוּ הָאבְּן חֵן אוּן טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ.

...

### וֶוען אוּן וויפִיל צוּ עֶפֶענֶען שַׁבָּת דִי מִקְוֶה אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, ב' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, גַּבַּאי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

יֶעצְט הֶער אִיךְ אַז דוּ לָאזְט נוּצְן דִי מִקְוֶה פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס, אוּן וֶוען מֶען ווִיל עֶס נוּצְן פַאר מִקְוֶה טָהֳרָה - דֶעמָאלְט לָאזְטוּ נִישְׁט.

אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ אוֹיף דִיר, פַארְוָואס טוּסְטוּ דָאס? עֶס אִיז דָאךְ אַ חִסָּרוֹן אִין צְנִיעוּת; וָואס דַארְף מֶען ווִיסְן אוֹיבּ מֶען נוּצְט יָא אָדֶער נִישְׁט? אִיךְ בִּין נִישְׁט צוּפְרִידְן פוּן דֶעם, אִיךְ ווִיל נִישְׁט דוּ זָאלְסְט עֶפֶענֶען פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס

דִי מִקְוֶה פַאר קֵיינֶעם; דָאס הָאבְּן מִיר גֶעבּוֹיט אוֹיסְדְרוּקְלִיךְ פַאר אַ מִקְוֶה טָהֳרָה אוּן דָאס דַארְף זַיין מִיט דִי הֶעכְסְטֶע מָאס צְנִיעוּת. אַלֶע מִתְפַּלְּלִים וֵוייסְן, נִישְׁטָא קַיין מִקְוֶה, נָאר אִינְדֶערְפְרִי קֶען מֶען נוּצְן דִי מִקְוֶה.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט טוּן מַיין וִוילְן אוּן נִישְׁט זַיין קְלוּגֶער. אִיךְ בִּין נִישְׁט בְּרוֹגֶז אַז מֶען אִיז קְלוּגֶער אוּן מֶען טוּט אַנְדֶערְשׁ, אָבֶער מַיין נָאמֶען נֶעם אַרָאפּ; כָּל זְמַן עֶס פַארְרוּפְט זִיךְ בִּנְשִׂיאַת רֹאשׁ יְשִׁיבָה - דַארְף זַיין דָאס גְרֶעסְטֶע מָאס אֵיידְלְקֵייט וָואס אִיז פַארְהַאן.

אַגַב, וָואס אִיז דָאס עֶפֶענֶען דִי מִקְוֶה שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג אַז מֶען זָאל קָאלֶעצְן אִין מִקְוֶה בִּשְׁעַת מֶען מַאכְט שָׁלשׁ סְעוּדוֹת? נִישְׁטָא קַיין מִקְוֶה שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג; מֵילָא אֵיינֶער אִיז מַקְפִּיד אוֹיף טְבִילַת עֶזְרָא אוּן עֶר בֶּעט דִיר צוּ עֶפֶענֶען - אִיז אֵיין זַאךְ, אָבֶער אוֹיסְשְׁטֶעלְן אַ מִנְהָג אַז דִי קְהִילָה גֵייט זִיךְ בָּאדְן שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג - וְוייל אִיךְ נִישְׁט.

פְרֶעג דֶעם דַיָּין ווִי הֵייס דוּ זָאלְסְט אָנְשְׁטֶעלְן דִי מִקְוֶה אוֹיף שַׁבָּת, מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט וֵוייקְן, צוּלִיב חִלּוּל שַׁבָּת.

...

### עֶנְדֶערְשׁ בְּלַייבְּן אִין כִּתָּה בַּיים דַאוֶונֶען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, ב׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

... תְּחִיָ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן פוּן דִי מְנַהֶלֶת תְּחִיָ׳ אַ שֵׁיינֶע גְרוּס, אַז אִיר הָאט בַּאקוּמֶען אַ גֶעפִיל צוּ דַאוֶונֶען, אִיר דַאוֶוענְט שֵׁיין אִין כִּתָּה.

אִיךְ ווִיל אַייךְ מְחַזֵּק זַיין אִיר זָאלְט עֶנְדֶערְשׁ בְּלַייבְּן אִין כִּתָּה בַּיים דַאוֶונֶען, אוּן אַז אִיר ווִילְט הֶעלְפְן דִי סְקוּל – זָאלְט אִיר הֶעלְפְן וֶוען מֶען שְׁפִּילְט אָדֶער וֶוען מֶען לֶערְנְט, אָבֶער דַאוֶונֶען זָאל זַיין בַּיי אַייךְ דִי הֵיילִיגְסְטֶע זַאךְ.

בֶּעטְס זִיךְ אוֹיס פַאר אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַ מַאן וָואס וֶועט בְּלַייבְּן לֶערְנֶען זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַ

שְׁטוּב מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, פַאר עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ וָואס וֶועלְן בַּאלַייכְטְן דִי וֶועלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה אִיז צוּ בַּאצָאלְן דִי אַרְבֵּייטֶער אִין צַייט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת תּוֹלְדוֹת, ב׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאף דוּ בַּאצָאלְסְט דַיינֶע אַרְבֶּעטֶערְס אִין צַייט, דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה אִיז בַּאצָאלְן אַרְבֶּעטֶערְס אִין צַייט, אוּן אוֹיבּ מֶען הָאט גֶעלְט אוּן מֶען צָאלְט נִישְׁט אִין צַייט - אִיז מֶען עוֹבֵר אוֹיף אַ לֹא תַעֲשֶׂה אוּן אַן עֲשֵׂה. עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה (וַיִּקְרָא יט, יג): ״לֹא תָלִין פְּעֻלַּת שָׂכִיר אִתְּךָ עַד בֹּקֶר״, דָאס אִיז דִי לֹא תַעֲשֶׂה, אוּן אוֹיךְ אִיז דָא אַ מִצְוַת עֲשֵׂה פוּן (דְּבָרִים כד, טו): ״בְּיוֹמוֹ תִתֵּן שְׂכָרוֹ וְלֹא תָבוֹא עָלָיו הַשֶּׁמֶשׁ״.

עֶס אִיז אַזוֹי נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן צוּ שְׁפִּילְן שֵׁיינֶער אִיד אִין שׁוּל, מְנַדֵּב זַיין קַאוֶוע, מְנַדֵּב זַיין אָרוֹן הַקּוֹדֶשׁ, בִּנְיָנִים - וֶוען מֶען אִיז שׁוּלְדִיג פַאר אַרְבֶּעטֶערְס; אַז מֶען ווִיל טוּן צְדָקָה דַארְף מֶען קוּקְן אִין הִלְכוֹת צְדָקָה, זֶען וָואס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה; דֶער רַמְבַּ״ם (פֶּרֶק י׳ מֵהִלְכוֹת מַתְּנוֹת עֲנִיִּים, הֲלָכָה ז) רֶעכְנְט אוֹיס אַכְט מַדְרֵיגוֹת אִין צְדָקָה, אוּן דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה אִיז - צָאלְן אַרְבֶּעטֶערְס, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (וַיִּקְרָא כה, לה): ״וְהֶחֱזַקְתָּ בּוֹ וְגוֹ׳, וָחַי עִמָּךְ״.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### גֶעבְּן אַ נָאמֶען נָאךְ דִי בַּאבֶּע

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת תּוֹלְדוֹת, ג׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

מַזָּל טוֹב פַאר דַיין נַייעֶ גֶעבּוֹירֶענֶע מֵיידֶעלֶע, אַ מַתָּנָה בַּאקוּמֶען פוּנֶעם

אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין אִיר מְגַדֵל זַיין לְתוֹרָה וּלְבַעַל תּוֹרָה, וּלַחוּפָּה, וּלְמַעֲשִׂים טוֹבִים.

בְּנוֹגֵעַ וָואס פַאר אַ נָאמֶען צוּ גֶעבְּן, דַיין שְׁוֶוער בֶּעט דִיר זָאלְסְט גֶעבְּן אַ נָאמֶען נָאךְ זַיין מַאמֶע און דַיין ווייבּ הָאט נִישְׁט לִיבּ דִי נָאמֶען; זָאג דַיין ווַייבּ אַז מֶען טוּט נִישְׁט אִין לֶעבְּן וָואס מֶען הָאט לִיבּ, מֶען טוּט וָואס אִיז רִיכְטִיג; רִיכְטִיג אִיז צוּ גֶעבְּן אַ נָאמֶען נָאךְ דִי בַּאבֶּע, זִי אִיז גֶעוֶוען אַ צַדֶיקֶת, זִיךְ אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן פַאר תּוֹרָה - אִיז גוּט צוּ גֶעבְּן אַ נָאמֶען נָאךְ אִיר.

כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: "עֶס אִיז אַזוֹי ווִי מֶען אִיז מִיךְ מְכַבֵּד" (קִידוּשִׁין ל:).

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט קֶענֶען אוֹיפְצִיעֶן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת און זֶען אַסַאךְ נַחַת בַּיי דֶעם קִינְד און בַּיי אַלֶע קִינְדֶער.

יְהוּדִית אִיז גָאר אַ שֵׁיינֶע נָאמֶען. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְגִילָה יג.) אוֹיפְן פָּסוּק (דִּבְרֵי הַיָּמִים א ד, יח): "'וְאִשְׁתּוֹ הַיְהֻדִיָּה יָלְדָה וְגוֹ', אַמַּאי קָרֵי לָהּ יְהוּדִיָּה", פַארְוָואס רוּפְט מֶען בַּתְיָ' בַּת פַּרְעֹה מִיט דִי נָאמֶען יְהוּדִיָּה? "עַל שׁוּם שֶׁכָּפְרָה בַּעֲבוֹדָה זָרָה", ווַייל זִי הָאט גֶעלֵייקֶנְט אִין פְרֶעמְדֶע גֶעטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן פְרוֹיעֶן וָואס לָאזְן דֶעם מַאן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, ג' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן וָואס לָאזְן דֶעם מַאן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, און זֵיי זֶענֶען מְוַתֵּר אוֹיף אַלֶעס אַבִּי דֶער מַאן זָאל לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת יז.) בִּזְכוּת וָואס אַ פְרוֹי אִיז מְוַתֵּר וְכוּ' אַז דֶער מַאן זָאל לֶערְנֶען - וֶועט זִי זוֹכֶה זַיין צוּ שְׂכַר אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

איר ווייסט נישט ווי גליקליך איר זענט; איר ווייסט וויפיל פרויען וויינען צום אייבערשטן אז זייער מאן זאל האבן א שייכות מיט תורה? איר ווייסט וויפיל פרויען האבן נישט קיין רוה, זייער חלום איז געווען צו האבן א תורה שטוב, זייווארטן 'ווען וועט דער חלום מקוים ווערן...?' און אז איר האט זוכה געווען צו א מאן וואס לערנט מיט גרויס התמדה - זאלט איר דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן, און וואס מער מחזק זיין אייער מאן צו לערנען און דאווענען.

אין אנהויב איז שווער, מען פארברענגט ווייניג וכו', און מען האט נישט קיין געלט, מען קען נישט קויפן וכו' - אבער שפעטער איז זייער זיס.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...